ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# השבת

ערשטער טייל
זיבעטער קאפיטל
אידיש

**733**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# זיבעטער קאַפּיטל

# לעגענדעס און תענוגים פון שבת

## ר׳ גרשון ב״ר אליעזר

(1624)

### דער טייך סמבטיון

און ס׳איז געווען, אַז מיר זיינען געקומען נאָענט צו דער נאָענטער שטאָט פון סמבטיון, האָבן מיר דערהערט אַ גרויסן טומל און אַ רויש, ווי פון אַ דונער, און וואָס נענטער מיר זיינען צוגעקומען צו דער שטאָט, אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער רעש, האָב איך געפרעגט: וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ רעש? האָט מען מיר געענטפערט, אַז דער רעש קומט פון סמבטיון. האָב איך ווייטער געפרעגט: וויבאַלד מ׳קען דעם טייך ניט אַריבערגיין צוליב דער גרויסער טומלעניש און צוליב דעם, וואָס ער וואַרפט מיט שטיינער — טאָ צו וואָס און פאַרוואָס האָט מען נאָך באַדאַרפט אַרומשטעלן אַרום טייך שומרים? האָט מען מיר געענטפערט: דער אמת איז טאַקע, אַז אַ גאַנצע וואָך היט מען ניט דעם ברעג טייך, זיי לויפן דאָרט אַרום בלויז צו באַראַ־בעווען און באַ׳גזל׳נען יעדן איינעם ווען זיי טרעפן אויפן ברעג. בלויז צוויי שעה איידער דער שבת קומט אַריין, ווען דער טייך ווערט שטיל און רואיק — קומען די שומרים באַוואַכן דעם ברעג, ווייל דעמאָלט קומען די אידן פון יענער זייט טייך. אָבער די שומרים קומען ניט אַהין כדי צו פאַרפירן מיט זיי מלחמה, נייערט, ווען זיי זעען פון ווייטן אַז די אידן קומען — לויפן די שומרים צו די באַפעסטיקטע שטעט און לאָזן זיי וויסן, אַז זיי זאָלן פאַרשליסן די טויערן, מחמת די אידן קומען אויף זיי. שבת היטן זיי אויך ניט, מחמת זיי ווייסן, אַז שבת וועלן אידן ניט אַריבער דעם טייך. און ס׳איז געווען, אַז ס׳האָט געהאַלטן צוויי שעה פאַר שבת — האָב איך מער ניט געהערט שוין קיין טומל און קיין רעש — האָט מען מיר געזאָגט, אַז אַזוי איז דער שטייגער פון טייך, אַ גאַנצע וואָך האַלט ער אין איין שטורעמען, און ווי עס קומט נאָענט צו שבת ווערט ער שטיל און רואיק ביז שבת־צו־נאַכט — און ווען ער שטורעמט, וואַרפט ער גרויסע שטיינער, ווי אַ שטוב די גרויס... אויך האָט מען געזאָגט, אַז פון לאַנד פרוסטער־יאַן זיינען פאַראַן צוויי מדינות ביזן טייך סמבטיון, און אין די דאָזיקע מדינות, אַז אַ מענטש הרג׳עט אַ בהמה — פאַר׳משפט מען אים צום טויט, ווי אַ

רוצח... און יענער טייך — איז זיבעצן מייל די ברייט, און אַ גאַנצע וואָך שטורעמט ער און וואַרפט מיט שטיינער און דער טומל הערט זיך פון ווייטן אויף אַ מהלך פון צוויי טעג צייט, און פרייטיק פאַרנאַכט ווערט ער אַנט־שוויגן און דער טייך ווערט טרוקן און רוט, און מ׳זעט ניט אַפילו דעם מינדסטן שטיינדל, בלויז אַ ווייסן דינעם זאַמד, ווייס ווי שניי — און שבת־צו־נאַכט הייבט ער ווידער אָן שטורעמען און רוישן, ווי פריער. און אַזוי האָב איך געהערט, אַז די אַרומיקע גויים טרינקען ניט די וואַסערן פון טייך, און לאָזן ניט קיין חיות און בהמות קומען אַהין טרינקען, מחמת די וואַסערן זיינען הייליק... און מ׳זאָגט, אַז אויף דער צווייטער זייט פון טייך — געפינען זיך בלויז אידן און זיי האָבן פיר־און־צוואַנציק מלכים, און יעדער מלך האָט זיין באַזונדערע מדינה און דאָרט זיינען פאַראַן גרויסע באַפעס־טיקטע שטעט און דערפער — גאָר אָן אַ צאָל. און די אַלע האָבן איבער זיך אַ העכסטן מלך און ער איז אַ גרויסער גבור־חיל... און דער נאָמען פון דאָזיקן מלך איז אליעזר, וואָס האָט אין יענער צייט, אין שצ״א, געקיניגט, און ווען ער גייט אַרויס אין מלחמה — איז זיין מנהג, אַז ער גייט אַרויס מיט ק״ן אלפים רייטער, און דאָס פאָלק, די פוסגייער — זיינען ווי אַ היישעריק לרוב. און צוויי שעה פאַר שבת גייען זיי אַריבער דעם טייך סמבטיון, ווייל די פערד לויפן אַזוי שנעל, אַז ס׳איז ניט צו גלויבן, אַז אין צוויי שעה לויפן זיי אַריבער אַזאַ ברייטן טייך און מאַכן שבת אויף דער זייט, וואָס איז די מדינה פון פרוסטער־יאַן. און דאָרט זיינען פאַראַן אַ סך מדינות און שטעט און קהילות, וואָס ציען זיך ביז גרויס־אינדיע. פון דער צווייטער זייט פון סמבטיון היטן די אידן, אַז די שונאים (די קריסטן) זאָלן צו זיי ניט אַריבערקומען, און יעדער איינער, וואָס קומט צו זיי אַריבער, ווערט דער׳הרג׳עט, אַחוץ די מוסולמענישע סוחרים... און נאָך האָבן זיי אַ מלך צווישן זיי און זיין נאָמען איז דניאל החסיד, און ער איז אַ גרויסער עניו, אַ מאַן אַ ריז, און אַ גרויסער גבור־חיל, וואָס הרג׳עט אויס טויזנט זעלנער (פון די שונאים) מיט איין קלאַפּ... און מ׳האָט מיר דערציילט, אַז דער מלך דניאל האָט אַ טייערן דימענטשטיין אין זיין אוצר, וואָס ווערט אָנגערופן גאַרפינקל, אַ גאַנצע וואָך ליגט דער שטיין באַהאַלטן אין אוצר און איידער ס׳ווערט שבת ווערט דער שטיין אויפגעהאָנגען ביי אים אין פּאַלאַץ און דער שטיין לייכט טאָג און נאַכט ווי די זון אין הימל. דאָס טוט ער אַזוי לכבוד־שבת, פאַר באַלייכטונג, מקיים צו זיין דאָס וואָס ס׳איז געזאָגט: „איר זאָלט ניט אָנצינדן קיין פייער אין אַלע אייערע וואוינפלעצער אין טאָג פון שבת“. אין יאָר שפ״ח זיינען אַכט אידן פון די אייראָפּעאישע לענדער אַרי־בערגעגאַנגען דעם סמבטיון, און אַז זיי זיינען אַהין געקומען — זיינען זיי געבראַכט געוואָרן פאַרן מלך. האָט דער מלך צו זיי געזאָגט: ווי אַזוי זענט איר אַהער געקומען און ווי אַזוי זענט איר דורכגעגאַנגען די אַלע גרויסע

פירכטערלעכע מדבריות און דורך די מעכטיקע לענדער פון אונדזערע שונאים? און נאכמער, ווי אזוי האט איר דאס מחלל־שבת געווען אריבער־צוגיין דעם טייך — און איר זענט חייב־מיתה, האבן אים די אידן אפגע־ענטפערט און געזאגט: אדוני מלך! אידישע קינדער וועלן חלילה ניט מחלל־שבת זיין במזיד, נייערט, מיר זיינען געפאנגען געווארן צווישן די אומות און זיי האבן אונדז געפירט אין שווערער געפאנגענשאפט ביז באענט צום סמבטיון, און מיר האבן געהערט, אז איר זענט אידן און איר וועט געוויס ניט איבערענטפערן דעם קנעכט צו זיין האר, האבן מיר אראפ־געווארפן זייער יאך פון האלז און מיר זיינען אנטלאפן צו געפינען ביי אייך שוץ. האט זיי דער מלך געפרעגט, צי זיי זיינען תלמידי־חכמים, און צי זיי האבן געלערנט תנ״ך און משנה? האבן זיי געענטפערט: געוויס, אדוני מלך! האט זיי דער מלך געגעבן א ספר — און זיי האבן געלייענט, האט דער מלך זיי געגלויבט, אז זיי זיינען באמת אידן. האט דער מלך באפוילן און מ׳האט זיי אונטערגעטראגן גרויסע מתנות — און זיי האבן חתונה געהאט מיט דארטיקע פרויען.

(פון אייזנשטיי׳נס „אוצר המסעות״)

## ר׳ משה ריישער

# אריאל

מעשה. איינמאל, מיט הונדערט צוואנציק יאר צוריק, האט מען אין ארץ־ישראל אויסגעקליבן איינעם א חכם, וואס זאל פארן איבער דער וועלט, צו די ברידער וואס וואוינען אין חוץ־לארץ, דערוועקן ביי זיי רחמנות, צו העלפן די ארעמעלייט. וויסנדיק, אז מ׳וועט דורכשניידן דורך א מדבר, א מהלך פון צוועלף טעג און מער, צווישן וועלכע עס פאלט אויס דער טאג פון שבת־קודש, האט דער רב דער תמים אויסגענומען א תנאי מיטן פירער פון קאראוואן, אז מ׳וועט זיך אפשטעלן און רוען דורכן הייליקן טאג. דער פירער האט געקראגן באצאלט פארן דאזיקן אפשטעל. פרייטיק, ווען די זון האט שוין געהאלטן ביי שקיעה — האט דער פירער ניט געוואלט זיך אפ־שטעלן, זיך ניט צוגעהערט צום רב׳ס אלע בקשות, און געהייסן גיין ווייטער, זיך איין מינוט ניט צו פארהאלטן. דער רב איז געבליבן שטיין א צעטומלטער, א באטריבטער און א פארטרויערטער; ס׳האבן זיך געשלאגן אין אים פאר־שיידענע מחשבות, צי זאל ער מחלל־שבת זיין און פארן ווייטער מיטן קארא־וואן, אדער, ער זאל בלייבן דא אין מדבר צווישן די ווילדע חיות. אבער, ווען ער האט זיך גוט דורכגעטראכט — האט ער זיך אזוי אויסגערעכנט: אויב איך בלייב איבער דא אין מדבר, קען זיין און אפשר וועט מיר אויסקומען צו שטארבן, אבער אויב איך וועל מחלל־שבת זיין, וועל איך דאך אוודאי

פאַרשפּילן מיין נשמה אויף אייביק, און וועל דאָס קיינמאָל ניט קענען גוט־מאַכן. איז דער רב אַרונטער פונעם זאָטל פון מוילאייזל, געגומען זיין פּעקל זאַכן אויף די פּלייצעס און פאַרלאָזן דעם קאַראַוואַן. אייניקע פון די מענטשן האָבן געלאַכט פון אים, ווי פון אַ משוגע און חסר־דעה, און אייניקע האָבן אויף אים געהאַט רחמנות, ווי אויף איינעם, וואָס גייט צו אַ זיכערן טויט. די זון האָט זיך געזעצט, און דער רב האָט געווענדט זיין פּנים צום מזרח, געדאַווגט און מקבל־שבת געווען מיט גרויס כוונה. נאָכן דאַווענען האָט ער אַרויסגענומען פון זאַק ברויט מיט וויין, געמאַכט קידוש און געגעסן און געזונגען זמירות לכבוד שבת. אָבער אַ טויט־שרעק איז אים באַפאַלן ווען ער האָט דערזען, ווי אַ מעכטיקער לייב האָט פאַר אים זיך צעברומט. דער רב האָט שוין מער ניט געגלויבט אין זיין לעבן — דאָס לעבן איז אים געהאַנגען אויף אַ האָר. נאָר דער לייב האָט זיך אַוועקגעלייגט פאַר אים אויף דער ערד און געקוקט אויף אים מיט טרייסטנדיקע און רחמנות׳דיקע אויגן. האָט זיך דעם רב׳ס שרעק אָפּגעטאָן פון אים און האָט זיך געזעצט צוריק צום עסן און צו זיינע זמירות לכבוד־שבת, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז דער לייב איז אַנדרעמלט געוואָרן און אויך דער רב איז אַנדרעמלט געוואָרן אין די זאַמדן פון מדבר. זיך אויפכאַפּנדיק אינדערפרי פון שלאָף האָט דער רב ווידער דערזען זיין מעכטיקן שומר ווי ער ליגט און קוקט אויף אים מיט רחמנות און פריינטלעכקייט, ווי נעכטן. האָט דער רב פאַרשטאַנען, אַז דער לייב איז זיין שומר, וואָס טוט אים באַוואַכן. און אַזוי איז אים אַוועק דער טאָג פון רו אין זמירות און לויבגעזאַנגען צו גאָט. נאָך הבדלה, האָט דער לייב, וואָס איז אַ גאַנצן טאָג געלעגן רואיק, זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ, ווי אַ טרייער הונט געקלאַפּט מיטן עק אַן זאַמד און געלעקט דעם רב׳ס האַנט מיט דער צונג. צום סוף האָט ער זיך אַוועקגעלייגט דעם רב צו די פיס, ווי ער וואָלט זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל זיך זעצן אויף אים רייטן. דער רב האָט פאַרשטאַנען, וואָס דעם לייבס לייגן זיך מיינט, האָט ער גענומען זיין פּעקל, אַוועקגעלייגט אויפן לייב און ער אַליין האָט זיך אויך אַוועק־געזעצט אויף אים און דער לייב האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען לויפן אין אַ מעכטיקן געלאַף. און אַזוי איז ער אַ גאַנצע נאַכט געלאָפן און דער רב האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן לייבס גריווע, וואָס איז געווען אין זיינע הענט, ווי דער צום ביי אַ פערד. דורכן גאַנצן וועג האָט ער געהערט אַ מורא׳דיק גע־ברום פון חיות. ווען דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען האָט דער רב אַנגע־יאָגט דעם קאַראַוואַן, וואָס איז געלעגן און גערוט מיט זיינע קעמלען און מוילאייזלען. זיי האָבן דערזען — און נשתומם געוואָרן. דער לייב האָב זיך געקניט און זיך אַוועקגעלייגט, ווי אַ קעמל, אַז דער רייטער זאָל פון אים אַרונטערגיין. און דער רב איז אַרונטער פון לייב מיט אַ גרויסער שמחה. נאָכדעם האָט זיך דער לייב תיכף אויפגעהויבן אין אַ גרויס געבריל, פאַכנדיק

מיטן עק און אָנשפּיצנדיק די פליענדיקע גריווע — צוריק אַנטלאָפן אין מדבר אַריין. און באַלד איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן פון די אויגן פון קאַראוואַן — און ניט געוואָרן. די מענטשן פון קאַראוואַן האָבן גלייך באַנומען דעם רב׳ס גרויסקייט און אים באַטראַכט פאַר אַ הייליקן מאַן, אַ קדוש וטהור. דער פירער דער רשע האָט ביים רב געבעטן מחילה פאַר זיין רשעות.

זינט יענעם טאָג און ווייטער — האָט מען דעם רב גערופן: אריאל. און ביז צום היינטיקן טאָג בליט נאָך די טייערע און בכבודיקע משפחה פון אריאל אין דער שטאָט חברון.

(„שערי־ירושלים", לעמבערג, תרל"ז)

## ברוך עוזיאל

# אַ מעשה מיט אַ רב און אַ טערק אַ פּרוכטהענדלער

אַ מעשה מיט איינעם אַ רב פון סאַלאָניקי, (איניקע שרייבן צו די געשעעניש צו ר׳ שמואל דע־מעדינא, דער ערשטער סאַלאָניקער רב נאָכן גירוש־שפּאַניע) וואָס פלעגט זיך נוהג זיין, אַרויסצוגיין פרייטיק־פאַר־נאַכט אין מאַרק אַריין און אונטעריאָגן די אידישע קרעמער צו שליסן זייערע געוועלבער. איינער אַ טערקישער קרעמער, אַ פּרוכטהענדלער, האָט געהאַט אַ אידישן אינגל אַ משרת אין קלייט, און יעדן ערב־שבת אין סאַמע ברען פון האַנדל — ווי נאָר דער רב פלעגט זיך באַווייזן, פלעגט דאָס אינגל נעלם ווערן פון קלייט און לויפן אַהיים, און צו זיין באַלעבאָס פלעגט דערפון אַרויסקומען אַ היזק. דאָס האָט דעם פּרוכטהענדלער שטאַרק דערצאָרנט, און ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף דערצו. איינמאָל, אַ פרייטיק־פאַר־נאַכט, ווען דער רב איז אַרויסגעקומען אין מאַרק, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט דער טערק געכאַפּט זיין האַק, צוגעלאָפן צום רב מיט באַנומענע קולות און קללות און זיך פאַרמאַסטן אויף אים מיט דער האַק — און פּלוצים איז דער טערק געבליבן שטיין מיט דער אויפגעהויבענער האַק און זי ניט געקענט אַראָפּלאָזן. דער רב האָט געזאָגט אַ „שם" און דעם מענטשנס אברים זיינען אָפּגענומען געוואָרן. אַזוי איז דער טערק געבליבן שטיין און ניט געקענט רירן מיט קיין גליד. דעם טערקס משפחה האָבן זיך דערוואוסט פון דער מעשה, זיינען זיי געלאָפן צום רב זיך בעטן פאַר אים רחמים. דער רב האָט זיך געלאָזט איבערבעטן, האָט אַראָפּגענומען פון מענטשן דעם חרם, און דער טערק איז צו זיך געקומען, נאָכדעם, ווי ער איז לאַנגע שעה׳ן נאָכאַנאַנד געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער מיט דער האַק אין האַנט.

(רשומות, כרך ה׳)

## בערטאָלד אויערבאַך

# אַ מעשה מיט אַ פרומען מאַן

מיט אַ סך דורות צוריק האָבן די שפּאַנישע גלחים איינגעפירט דאָס געריכט, וואָס ווערט אָנגערופן מיטן נאָמען אינקוויזיציע; דאָס דאָזיקע געריכט, האָט געצוואונגען אידן זיך צו שמד'ן אויב ניט — זיינען זיי אריינגעוואָרפן געוואָרן אין די קעלערן פון אינקוויזיציע און דערנאָך פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. איינמאָל האָט מען אין דעם קעלער אַריינגעוואָרפן זייער אַ פרומען מאַן; קיין שטראָל ליכט איז אַהין ניט צוגעקומען און ער האָט ניט געקענט וויסן, ווען ס'איז טאָג און ווען ס'איז נאַכט. דער צדיק האָט זיך אויף זיין גורל ניט געקלאָגט. ער האָט בלויז געהאַט צער, וואָס ער וועט ניט קענען פאַרהייליקן דעם שבת און אים פייערן מיט תפילה און זמירות, ווי ער איז געוואוינט געווען צו טאָן פון זיין פריסטער קינדהייט. אויך האָט ער געליטן דערפון וואָס ער האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו רויכערן: ווייל רויכערן טאַבאַק איז ביי אים געווען אַ גויטוועדיקע זאַך, ממש ווי לופט צום אָטעמען. אויך איז ער געווען אין כעס אויף זיך אַליין, פאַרוואָס ער קען ניט זיך שטאַרקן איבער דער דאָזיקער תאווה און זי בייקומען. נאָר פלוצים האָט ער דערשפּירט, אַז זיין לוסט צו רויכערן האָט זיך איינגעשטילט און אַן אינערלעכער קול האָט צו אים אויסגערופן: די נאַכט פון שבת איז דאָ! דעריבער ווילסטו ניט קיין זאַך וואָס איז אָסור! האָט ער זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס מיט גרויס שמחה און געלויבט גאָט אויפן הויכן קול און ער האָט געמאַכט דעם שבת'דיקן קידוש. און אַזוי האָט ער זיך תמיד נוהג געווען פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געזעסן אין תפיסה: דורך די זעקס טעג פון אַרבעט האָט ער געליטן פון זיין תשוקה צום רויכערן, נאָר ווי נאָר ס'איז געוואָרן שבת — האָט ער אָנגעוואוירן די דאָזיקע תשוקה. (פון „אפרים קוה")

## מרדכי בן־יחזקאל

# פאַר די שבת'דיקע הוצאות

### א

איינער אַ מאַן אַ גרויסער מופלג און ירא־שמים, וואָס פלעגט עוסק זיין אין תורה לשמה און האָגדל באמונה — איז געווען נעבעך אַ גרויסער אָרעמאַן און אַ קבצן אין זיבן פאַלעס. דער מענטש האָט געלעבט אין גרויס דחקות; און ער פלעגט אָפּגעבן אַדאַנק און לויב צום השם־יתברך פאַר יעדן איינציקן טאָג לעבן: געלויבט איז גאָט טאָג אין טאָג...

איינמאָל איז געקומען דער ליבער דאַנערשטיק אויף פרייטיק און דעם מענטשנס קעשענע איז ליידיק. ניטאָ קיין פּרוטה ביי זיין לייב און לעבן צו געבן זיין ווייב, צוצוגרייטן שבת פאַר זיין הויזגעזינד. איז די אידענע געגאַנגען שלאָפן זייער אַ פאַרביטערטע, ווייל אָט קומט שוין אָן דער הייליקער טאָג שבת און ס'איז ניטאָ וואָס צו בייסן און וואָס צו ברעכן: ניטאָ קיין חלה, ניטאָ קיין פיש, און ליכט אויף וואָס צו בענטשן איז אויך ניטאָ. אָבער דער מאַן אירער האָט איר לייכטער געמאַכט ס'האַרץ מיט דער תורה וואָס דערפרייט אַ מענטשנס האַרץ; ער האָט זיך צוגעזעצט צום טיש פאַר דער גמרא, און אָנגעהויבן לערנען מיט גרויס חשק און האָט זיך פאַרגעסן אָן זיין אָרעמקייט. עס זיינען אַריבער עטלעכע שעה און דער גוף זיינער האָט אָנגעהויבן מאָנען זיינע באַדערפענישן — האָט ער פאַרמאַכט דעם ספר און איז אַרויס אין דרויסן, פאַר זיינע מענטשלעכע צרכים. זיצנדיק אַזוי אין בית־הכסא — דערשפּירט ער אונטער די פיס עפּעס אַ האַרטע קיילעכדיקע זאַך. בויגט ער זיך איין און הייבט אויף פון שמוץ אַ זילבערנעם רובל. האָט ער אים אָפּגעוואַשן און אָפּגערייניקט, איז אַריין אין שטוב און דערזען, אַז ס'איז אַן עכטער גוטער רובל, אַ כשר'ע מטבע.

זיך אָוועקגעזעצט צוריק אויף זיין אָרט פאַר דער גמרא, האָט ער גענומען טראַכטן פון דער מציאה וואָס איז אים געקומען בהיסח־הדעת, — אַ כשר'ע מציאה לויטן דין, און האָט אָנגעהויבן זיך שלאָגן מיט דער דעה: וואָס טוט מען מיטן רובל? געבן דער ווייב אויף שבת — איז ער ניט צופרידן. דאָס האַרץ דערלאָזט ניט. רבונו של עולם! אויב דו ווילסט מיר צושיקן אויף שבת — שיק מיר צו אויף אַן אַנדער אופן, אויף אַ שיינעם ריינעם וועג; קדושה טאָר ניט אַרויסקומען פון טומאה. נאָר ס'האַרץ ציטערט אים: אויב ער וועט דעם דאָזיקן רובל ניט אויסגעבן אויף איינקויפן לכבוד־שבת — טאָ פונוואַנען וועט ער נעמען אַנדערע געלטן? ער האָט דאָך ניט אַפילו קיין איינציקן גראָשן. אָבער נאָך אַלעמען האָט ער באַשלאָסן זיך ניט צו באַנוצן מיטן דאָזיקן געלט איינצוקויפן אויף שבת. אויב השם־יתברך וויל — האָט ער געטראַכט — אַז איך זאָל ניט האָבן קיין פאַרשטערטן שבת, וועט ער מיר צושיקן מיין פּרנסה פון אַ שיינעם ריינעם קוואַל, און ניט אויף דעם אופן. און מחמת ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט ער ניט קענעןביישטיין דעם נסיון און זיין ווייבס טענות דאָס דאָזיקע געלט אויסצוגעבן אויף שבת — האָט ער מיטן מויל זיך געגעבן אַ נדר, אָוועקצוגעבן דאָס געלט אויף צדקה פאַר אָרעמעלייט און ער וועט פון דעם קיין הנאה ניט האָבן. געגעבן דעם נדר און זיך געזעצט לערנען.

זיין ווייב האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף — האָט ער איר דערציילט אַלץ וואָס מיט אים האָט זיך געטראָפן, און אַז ער האָט אָוועקגעגעבן דאָס געלט פאַר אָרעמעלייט. האָט דאָס ווייב געשריען און זיך געקלאָגט, פאַרוואָס

ער האָט אַזוינס געטאָן, ווען זיי האָבן פאָרן רובל געקענט איינקויפן אין הויז פאַר שבת. אָבער ער האָט איר מסביר געווען, אַז אירע טענות זיינען אומזיסטע טענות, ער קען שוין אויף זיין נדר ניט חרטה האָבן און אַז „אויב גאָט וויל, — האָט ער פאַרענדיקט זיינע רייד צו זיין אויפגערעגטער ווייב — וועט ער אונדז צושיקן אונדזערע באַדערפענישן לכבוד דעם הייליקן טאָג אויף אַן אַנדער וועג, און אויף אַ שיינעם ריינעם אופן". די פרוי האָט צוגענומען זיינע רייד מיט צער און טרויער און איז געגאַנגען צוריק שלאָפן; און ער האָט זיך צוריקגעקערט צום לערנען.

אין הימל האָט מען געזען די דאָזיקע שיינע מעשה — און מ'האָט דאָס אים פאַררעכנט פאַר אַ זכות; און דערפאַר וואָס ער איז בייגעשטאַנען דעם נסיון האָט מען באַשטימט אים צוצושיקן אויף שבת אויף אַן אַנדער אופן, און מיט דער ברייטער האַנט.

ב

צוויי גרויסע סוחרים זיינען געפאָרן פון יאַריד צוריק אַהיים, און זיי זיינען דורכגעפאָרן דורך יענער שטאָט. זיי זיינען אַריינגעפאָרן אין שטאָט אין דער זייער פינצטערער נאַכט, און אָפּגעמאַכט ביי זיך איבערצושטיין די נאַכט אין שטאָט, זיך אויסצורוען, און מאָרגן פרי פאָרן צו זיך אַהיים, אויף שבת, מחמת ס'איז שוין געווען נאָענט צו זייער היים. זיינען די סוחרים געגאַנגען זוכן אַ פּלאַץ וואו איבערצונעכטיקן, און געפונען דאָס הויז וואו ס'האָט זיך געזען ליכט פון פענצטער. זיינען זיי צוגעקומען צום הויז, זיי מיט זייערע וועגענער, און אָנגעקלאַפּט, און די טיר האָט זיך געעפנט — און זיי זיינען אַריינגעקומען. האָט זיי דער מאַן געגעבן שלום, און זיי האָבן אים דערציילט אַז זיי זיינען סוחרים, נגידים און פיינע לייט. און די מענטשן האָבן צו אים געזאָגט: „מיר פאָרן פון יאַריד, דער וועג איז אַ שווערער און מיר זוכן אַ פּלאַץ זיך אויסצורוען פון וועג. לאָזט אונדז זיך אויסרוען ביז אינדערפרי און דאַן וועלן מיר פאָרן ווייטער". האָט זיי דער באַלעבאָס אויפגענומען בכבוד גדול, און ער האָט זיי אויסגעבעט אויף דער ערד מיט קישנס און פּערענעס. האָבן זיך די צוויי סוחרים געלייגט שלאָפן, און ער האָט זיך גענומען צום לערנען. די סוחרים ליגן אויף דער ערד איינער לעבן דעם אַנדערן און קענען ניט שלאָפן. זיי הערן דעם באַלעבאָס' ניגון און לערנען און עס געפעלט זיי: אַ איד אַ תלמיד־חכם זיצט אַ גאַנצע נאַכט און לערנט תורה. אַ ביסל שפּעטער, זאָגט איין סוחר צו דעם צווייטן: הער אויס, וואָס איך האָב צו זאָגן: מיר האָבן דאָך אַ שטיקל סכסוך אין אונדזער מסחר, און יעדער איינער פון אונדז האַלט, אַז ער איז גערעכט, וואָלט געווען אַ גוטער פּלאַן, אַז מיר זאָלן דורכקומען איידער מיר קומען אַהיים. דו קענסט דאָך אונדזערע ווייבער, אַז מירן קומען אַהיים, און זיי וועלן זיך דערוויסן

פון סכסוך, וועט זיין צווישן זיי אַ פּירוד־הלבבות, און זיי וועלן ניט קענען הויזן צוזאַמען אין קראַם און דער גאַנצער מסחר אונדזוערער וועט דערפון ליידן. דעריבער וואָלט איך געזאָגט, אַז מיר זאָלן אויסלייגן פאַר אונדזער באַלעבאָס אַלע אונדזערע טענות; ער איז אַ איד אַ תלמיד־חכם, און דערצו אַ פרומער מענטש און ער וועט אונדז ביידן ניט נושא־פּנים זיין — און ווי ער וועט זאָגן, אַזוי וועלן מיר טאָן. האָט זיין חבר מסכים געווען און געזאָגט: מיר געפעלט דיין עצה — ווי ער וועט פּסקנ׳ען אַזוי וועלן מיר פאָלגן. האָבן זיי זיך אויפגעהויבן פון די געלעגערס, צוגעגאַנגען צום באַלעבאָס און האָבן אים דערציילט זייער סכסוך; אויך האָבן זיי אים געזאָגט, אַז זיי ווילן אַרויס־ברענגען פאַר אים אַלע זייערע טענות, און וואָס פאַר אַ פשרה ער וועט צווישן זיי מאַכן — וועלן זיי אָננעמען זיין וואָרט. האָט דער באַלעבאָס צוגעשטימט און יעדער איינער פון זיי האָט פאַר אים אויסגעלייגט זיינע טענות. נאָכדעם ווי ער האָט זיי אויסגעהערט האָט ער צו זיי געזאָגט: איר לייגט זיך צוריק שלאָפן און איך וועל האָבן אַ ישוב־הדעת; אַז איר וועט אויפשטיין פון שלאָף — וועל איך אייך זאָגן מיין מיינונג. האָבן די שותפים אַזוי געטאָן און זיך געלייגט שלאָפן.

ווען ס׳האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג און די מענטשן האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף — האָבן זיי זיך געשטעלט פאַרן באַלעבאָס און ער האָט פאַר זיי אַרויסגעבראַכט זיין פסק־דין. דער פּסק־דין איז זיי ביידן געווען געפעלן, און זיי האָבן ביידע אויף אַ נגידישן שטייגער אים פיין באַלוינט. זיך אָפּגעזעגנט מיט אים און געפאָרן לשלום אַהיים.

אַז דאָס ווייב איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי האָט ער איר דערציילט, אַז גאָט־ברוך־הוא האָט אים צוגעשיקט אויף שבת בכבוד און מיט אַ ברייטער האַנט; ער האָט איר געגעבן געלט איינצוקויפן אויף שבת און ס׳איז אים נאָך געבליבן אין האַנט געלט פאַר דער וואָך. האָט ער געדאַנקט און געלויבט גאָט פאַר אַלע חסדים וואָס ער האָט מיט אים געטאָן; און ער האָט געהוט אויפן זיבעטן טאָג מיט זמירות און לויב אויף אַ טיש פול מיט אַלע גוטקייטן מיט לויב און פראַכט צו דעם וואָס לעבט אייביק, זיינען נאָמען זאָל געבענטשט ווערן אויף אייביק און אויף אייביק.

יוסף מיוחס

## חלול־שבת און די שטראָף דערפאַר לויט דער אַראַבישער לעגענדע

אמר שיך אבן עבאש בן אבי וקאץ: אין די צייטן פון דאַהוד (דוד) דער מלך פון אישראיל און זיין נביא, עליו התפילה והשלום, איז געזעסן אַ גרויסער המון פון די קינדער פון „עם־הספר" אין דער שטאָט אילת, וואָס

אויפן ברעג ים, צווישן מצרים און צווישן מדין, און זייער צאָל איז געווען טויזנט מאָל פינף הונדערט טויזנט. און זיי זיינען אַלע געווען גאָטספאַרכטיקע מענטשן און געהיט זיין תורה, אָפּגעהיט די מינדסטע מצוה ווי די האַרבסטע און מער פון אַלץ האָבן זיי אָפּגעהיט די מצוה פון שמירת־שבת, ווייל הייליק איז דער טאָג צו אַללאה. ניט נאָר האָבן זיי אין יענעם טאָג ניט געטאָן קיין שום מלאכה — נאָר זיי האָבן אויך באַשטימט יענעם טאָג פאַר תפילה, פאַר רו, פאַר פאַרגעניגן. איין האַלבער טאָג איז פאַר זיי געווען פאַר „עלית־נשמה", צו לייענען און זיך פאַרטיפן אין אַללאה'ס תורה און די צווייטע העלפט — פאַר עסן, טרינקען און תענוג, ווייל אַזוי האָט אַללאה אין זיין הייליק בוך אָנגעזאָגט: „דעמאָלט זאָלסטו זיך קוויקן מיט גאָט" — און דער מיין דערפון איז, דער תענוג פון גוף און דער תענוג פון דער נשמה, ווייל ביידע צוזאַמען, אי דער גוף און אי די נשמה זיינען זייער גרויס און חשוב ביי אַללאַה אין די אויגן.

און זעט נאָר אַ וואונדער: אַפילו די פיש פון ים ביי די ברעגעס פון אילת זיינען געווען אָפּגעהיט מיט שמירת־שבת. יעדן זעקסטן טאָג אין וואָך האָבן זיי געטאָן אַזוי: צוויי שעה נאָכמיטאָג האָבן אַלע פיש, די קלענסטע און די גרעסטע, זיך געטראָגן פון אַלע ברעגעס ים און זיינע טיפסטע תהום'ען — צום ברעג ים, זיך צונויפגעדרענגט אַלע אינאיינעם אין געשלאָסענע שורות, פיל ווי די שטערן אין הימל, און זייערע אַלעמענס אויגן אויפגעהויבן צום הימל, „ווי זיי וואָלטן דערציילט דעם כבוד פון אַללאַה", דעם גוטן און דערבאַרעמדיקן, און זיינע גרויסע חסדים מיט אַלע זיינע ברואים, וואָס ער האָט איינגעשטעלט איין טאָג אין וואָך פאַר אַ פולער מנוחה פון גוף, פריי פון יעדער אַרבעט און פאַר דער רו פון דער נשמה, פריי פון יעדער דאגה. און אויך די מיילער זייערע, וואָס זיי האָבן תמיד אַ טבע צו פאַרזינקען אין וואַסער, אין קוואַל פון זייער לעבן, האָבן זיי אַלע מיט איין מאָל אַרויסגעהויבן פון וואַסער, ווי זיי וואָלטן אויסגעדריקט זייער שמחה און דאַנק, וואָס דאָס איז דער גרויסער הייליקער טאָג, דער טאָג פון פולער רו.

אין יעדן שבת־צו־נאַכט, אַ לאַנגע שעה נאָך זונאונטערגאַנג, ווי זיי וואָלטן געהאַט בכוונה צוזוגעבן פון וואָך צו הייליקייט — פלעגן זיי איינזינקען אין די תהום'ען און פאַרשוואונדן ווערן. זיי פלעגן זיך ניט באַווייזן מער פאַר די אויגן פון מענטשן, ביז ס'פלעגט אַריבער אַ גאַנצע וואָך, ביז דעם זעקסטן טאָג אין וואָך, נאָכמיטיק. אַזוי פלעגן זיי טאָן וואָך־איין, וואָך־אויס.

אָבער ווי, יענע גוטע צייטן, די צייטן פון איבערגעבנקייט און געטריישאַפט פון די קינדער פון אילת, די גרויסע שטאָט פון אַללאַה, וואָס מען האָט מיט רעכט גערופן „די שטאָט פון יראה און אהבה צום וועלטבאַשעפער" — האָבן לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. מחמת, „איבליש", דאָס איז דער „שטן המשחית", דאָס איז דער „יצר־הרע" — האָט אָפּגעקערט גאָר פיל

הערצער, פון אירע איינוואוינער צום שלעכטן, צו ווידערשפעניקן אין אַללאַה, צו לייקענען אין אים און צו פאַרשוועכן זיין הייליקן טאָג, צו זייער בושה און חרפה, צו טאָן אַלע אַרבעטן, און זיי האָבן ניט געוואָלט זיך אָראָפּנעמען אַ מוסר פון די „פיש", וואָס זיי האָבן געהאַט פאַר זייערע אויגן, צו טאָן ווי זיי טוען אין טאָג פון רו, וואָס אויף אים האָט אַללאַה אָנגעזאָגט דורך „מוסאַ" זיין נביא אין זיין הייליק בוך מיט די ווערטער: זאָלסט היטן דעם טאָג שבת אים צו הייליקן, זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און אויפן זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען.

וואָס האָבן זיי געטאָן? — זיי האָבן אָנגעהויבן זייער אַרבעט מיט כאַפּן די פיש, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען פאַר זיי ווי די „דערמאָנער פון זינד", וואָס זיי פאַרשוועכן דעם הייליקן טאָג; און כדי לייכטער צו מאַכן דעם פיש־פאַנג — האָבן די נידערטרעכטיקע מענטשן, די לייקענער פון אַללאַה, אויף דער גאַנצער לענג פון ברעג אויסגעגראָבן טיפע גריבער, וואָס זיי האָבן צוגעפירט צום ים, כדי דאָס ים־וואַסער זאָל דורכגיין דורך זיי און מאַכן אַריינשטראָמען אין זיי די פיש, און דערנאָך, ווען דאָס וואַסער פאַלט אָפּ און זינקט אַריין אין דער ערד דורכן משך פון דער נאַכט זאָלן די פיש ניט קענען אַרויסשווימען. און שבת אינדערפרי האָבן זיי געאיילט צו די דאָזיקע גריבער, זיי און זייערע זין און זייערע טעכטער און אויפגעקליבן די פיש, וואָס האָבן נאָך געזשיפּעט און געמאַכט פון זיי געריכטן פאַר דער גאַנצער וואָך.

מאַנכע פון זיי האָבן געוואָרפן נעצן ווייט־ווייט אין ים אַרויס יעדן זעקסטן טאָג, כדי צו כאַפּן די גרויסע פעטע פיש, וואָס זייער שטייגער איז זיך צו דערווייטערן פון ברעג, וואו דאָרטן לעבן בלויז די קליינע פיש; ווען די נעצן פלעגן זיך אָנפילן, פלעגן זיי אַרויפציען אויפן ברעג מיט דינע פעלענע רימענס, אָדער מיט שטאַרקע שטריק מיט וועלכע זיי זיינען געווען אָנגעבונדן — און פלעגן זיך אָנגרייטן מיט עסן פאַר דער גאַנצער וואָך, ווייל בלויז דורכן טאָג פון שבת פלעגן די פיש זיך באַווייזן, ווי מיר האָבן געזאָגט אויבן.

און נאָך אַנדערע האָבן זיך געקליגט צוצובינדן די קליינע פיש מיט פעדים פאַר די עקן אויף לאַנגע הילצערנע שטאַנגען, וואָס זיי האָבן אָנגע־שטעלט לענגאויס פון ברעג, כדי די פיש זאָלן זיך האַלטן לעבעדיקערהייט אין ים־וואַסער דורך דער גאַנצער וואָך, און ווען ס׳פלעגט זיך זיי פאַרגלוסטן — האָבן זיי זיי אַרויסגעצויגן פון וואַסער און זיי געפּרעגלט און געקאָכט צום עסן.

און דער שייך והב בן מנבה דערציילט אַזוי:

איינמאָל איז אַ אישראַילי פון די „עכטע שומרי־שבת" פאַרבייגעגאַנ־גען ס׳הויז פון זיין שכן, אַ מחלל־שבת, איז אים געקומען צו דער נאָז דער

ריח פון אַ געבראָטן פיש, איז ער צוגעקומען צו זיין שכן און זיך אויף אים אָנגעבייזערט: ווי־געשריען, מיין גוטער שכן! וואָס טוסטו, אַז דו ווידער־שפּעניקסט דאָס מויל פון אַללאַה, דעם גוטן און דערבאַרעמדיקן, אַז דו פּרעגלסט פיש אין הייליקן טאָג? ווייסטו דען ניט, אַז דאָס איז אַ אומדער־טרעגלעכע זינד מחלל־שבת צו זיין און עובר זיין אויף דער מצוה פון אַללאַה, געלויבט און געבענטש זאָל ער זיין, וואָס זיינע אויגן קוקן אַרונטער אויף די וועגן פון איטלעכן מענטשן, און וועט יעדן איינעם אָפּצאָלן ווי ער פאַר־דינט? אָדער, האָסט קיין מורא ניט פאַר זיין גרימיקן צאָרן, וואָס וועט באַשטראָפן די אַלע וואָס פאַרלייקענען זיין הייליקן נאָמען?

אָבער דער מאַן האָט זיך צו אים ניט צוגעהערט און געזאָגט: דו זאָגסט ליגן, מיין שכן! אַללאַה וועט מיך ניט באַשטראָפן און אויך וועט ער ניט באַשטראָפן אַלע יענע וואָס גייען אין מיין וועג. בלויז אונדזערע עלטערן האָט ער באַשטראָפט, און אַרויפגעוואָרפן אויף זיי דעם טאָג פון שבת, ווייל זיי האָבן גע׳הרג׳עט אונדזערע נביאים, וואָס האָבן זיי אויפגעפאָדערט נאָכאַנאַנד זיך צוריקצוקערן צו אַללאַה. אָבער ניט אונדז, וואָס אין אונדזער צייט זיינען ניט פאַראַן קיין „אמת׳ע נביאים״ און מיר האָבן זיי ניט געטאָן קיין שלעכטס. און דעריבער מעגן מיר טאָן אַן אַרבעט אום שבת און מבטל זיין דעם טאָג, וואָס איז געלייגט געוואָרן אויף אונדזערע עלטערן ווי אַן אָפּקומעניש פאַר זייערע שלעכטע מעשים, וואָס זיי האָבן דער׳הרג׳עט פרומע און גוטע נביאים. און אַנשטאָט אויפצוהערן זינדיקן, האָט נאָך דער נידער־טרעכטיקער מענטש מער געזינדיקט דורך די קומענדיקע שבתים. ער האָט זיך שוין ניט באַגנוגנט מער צו כאַפּן פיש צום עסן פאַר זיך און פאַר זיין הויזגעזינט פאַר דער גאַנצער וואָך, נייערט, ער האָט צונויפגענומען גאַנצע בערג פיש, ער מיט זיין הויזגעזינט און אַלע זיינע קרובים, און זיי האָבן זיי איינגעזאַלצן און זיי אויפגעהיט זיי זאָלן האָבן וואָס צו עסן און אויך פאַרן פאַרקויף צו אַ סך אַנדערע פאַר דער גאַנצער וואָך, און ער איז דורכ־דעם רייך געוואָרן.

האָבן אַ סך אַנדערע געזען די מעשים פון מאַן און זיין הצלחה — האָבן זיי אים נאָכגעטאָן. און ס׳איז ניט אַוועק קיין סך צייט און אַלע איינ־וואוינער פון אילת האָבן זיך צעטיילט אין דריי כיתות, בנוגע צום שבת: די צדיקים, און זיי זיינען געווען די מינדסטע כיתה, זיינען געבליבן טריי צו אַללאַה און צו דער תורה פון זיין נביא מוסא, און ניט נאָר האָבן זיי ניט געטאָן קיין אַרבעט אין הייליקן טאָג, נייערט, זיי האָבן אויך צוריקגעהאַלטן אַנדערע ניט צו טאָן קיין אַרבעט. די פּחדנים און שרעקעוודיקע האָבן זיך באַנוגנט מיט דעם, וואָס זיי אַליין האָבן זיך צוריקגעהאַלטן פון אַרבעט, און פאַר די אַנדערע האָט זיי ניט געאַרט. נאָר דער גרעסטער טייל פון די מענטשן האָבן נאָכגעטאָן די מעשים פון זייערע ברידער די רשעים, די „מחללי־

שבת" און זיי האָבן געפאַנגען פיש און געגעסן, און זיי האָבן צונויפגעזאַמלט גאַנצע בערג פיש, זיי איינגעזאַלצן און פאַרקויפט צו אַנדערע און זיי האָבן ניט מורא געהאַט פאַר אַללאַה און פאַר זיין שטראָף.

איז די צאָל פון די „אמתע צדיקים" און די „מיטלמעסיקע פחדנים" — וואָס האָבן געהיט שבת, געווען ניט מער ווי צוועלף טויזנט און די איבע־ריקע זיינען אַלע געווען מוטווילִיקע „מחללי־שבת".

און אַז די ווייניקע צדיקים האָבן געזען די מעשים פון די מערסטע ברידער זייערע, די רשעים, וואָס זייער האַרץ איז געגאַנגען נאָך פאַרדינסטן און די אויערן זייערע האָבן זיי פאַרשטאָפּט, כדי ניט צו הערן זייערע רייד, וואָס האָבן נאָכאַנאַנד ניט אויפגעהערט צו רופן זיך צוריקצוקערן צו אַללאַה — און האָבן זיך שוין פון זיי מייאש געווען, האָבן זיי אַלע איינשטימיק באַ־שלאָסן זיך אָפּצוטיילן פון דער שלעכטער עדה, איינמאָל פאַר אַלעמאָל.

וואָס האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן אויפגעשטעלט דורך דער גאַנצער ברייט פון שטאָט אַ הויכע דיקע וואַנט פון גרויסע שטאַרקע שטיינער, ווייל זיי האָבן געזאָגט: נאָכוואָס זאָלן מיר האָבן האַרצווייטיק צו זען פאַר די אויגן אָט די שלעכטע מעשים פון אונדזערע ברידער, די כפוי־טובה׳ניקעס — און מיר קענען דערצו גאַרניט העלפן?

געזאָגט און געטאָן און זיי האָבן זיך אָפּגעשיידט פון זייערע ברידער אויף אייביק. זיי האָבן אַפילו ניט געפּרופט אַ קוק טאָן אויף יענער זייט וואַנט, פאַר לאַנגע טעג. זיי האָבן בלויז געהערט דעם טומל און געפילדער פון דער צווייטער זייט, צו זייער גרויס פאַרדרוס.

ווען דאַהוד, דער מלך פון אישראַיל האָט דאָס דערזען, דער נבי׳א און זינגער און מחבר פון ספר „המזאמיר", דאָס איז דער וואונדערלעכער און געהויבענער ספר תהלים — וואָס האָט ניט זיינס גלייכן אין שיינקייט אין דערהויבנקייט — ווען ער האָט געזען וואָס די בייזוויליקע פּרעכע מענטשן האָבן געטאָן, צו לייקענען אין אמת׳ן גאָט און פאַרזינקען אין נאַריש־קייט און אין יאָגעניש נאָך געלט פאַר זייער גראָבער קערפּערלעכער הנאה — האָט זיין האַרץ אויפגעשפּרונגען פאַר ווייטיק פונוועגן דעם פאַנאַדערשייד, וואָס האָט זיך געשטעלט צווישן זיי און זייערע ברידער די צדיקים. ער האָט פאַרשאָלטן די לייקענער מיט אַ שטאַרקער קללה און געזאָגט: אַללאַה וועט זיי דאָס קיינמאָל ניט מוחל זיין און פאַרשאָלטן זאָלן זיין די אַלע, וואָס זייער האַרץ גייט נאָך זייער געלט און זייער אייגננוץ, זיך ניט רעכענענדיק מיטן ריס צווישן ברידער און מיטן ביטול פון פאָלקס־אייניקייט, וואָס אַן איר הענגט אָפּ דער קיום און די הצלחה פון פאָלק. און מיט גרויס צער האָט ער אויסגעשריען: ווי צו דער פאָן פון ליבשאַפט, וואָס איז מער ניט פאַראַנען! די פאָן, וואָס אויף איין זייט זיינען געווען איינגעקריצט מיט גילדערנע אותיות די ווערטער: „ווער איז נאָך ווי דיין פאָלק אישראַיל אַ

פאָלק אויף דער וועלט, די פּראַכט פון גדולה און די קרוין פון הילף!" און אויף דער צווייטער זייט: „כל אישראיל זיינען ערב איינער פאַרן אַנדערן". ווי צו דער דאָזיקער פאַן וואָס איז געפאַלן און די הענט פון די רשעים, איז שולדיק אין זיין פאַלן און אין דעם ברידער־ריס — די האַנט פון אַללאַה זאָל זיין אין זיי צו פאַרניכטן זיי פון דער ערד.

און ווי, די קללה פון מלך, דער נביא און משורר פון גאָטס גענאַד — האָט ניט פאַרשפּעטיקט צו קומען. ווייל אויף מאָרגן פון „טאָג פון קללה" האָבן די צדיקים און די פרומע לייט, אָט די וואָס היטן גאָטס געבאָט און וואָס האָבן אויפגעשטעלט די וואַנט, — אויפגעהערט צו הערן די שטימען פון זייערע ברידער פון יענער זייט וואַנט און אַנדערע שטימען, ווילדע און אומפאַרשטענדלעכע, זיינען צו זיי דערגאַנגען און דאָס האַרץ ביי זיי איז אויפגעציטערט געוואָרן.

אַז זיי האָבן געפּרואווט אַריבערקריכן די וואַנט, צו זען וואָס אַזוינס ס'איז געשען, האָט זיי פאַרנומען ס'האַרץ פון זען און הערן; זיי האָבן דער־זען, אַז אַלע זייערע ברידער, וואָס פון יענער זייט וואַנט זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַפּן און חזירים, די אַפּן האָבן געהאַט יונגע פּנימער, און די חזרים — אַלטע. און די אויערן זייערע זיינען פאַרטויבט געוואָרן פונעם קוויטש פון די אַפּן און פונעם כרוקן פון די חזירים, און זיי האָבן מיט אַ פאַרציטערט האַרץ געשריען: ווי צו די אויגן וואָס טוען אַזוינס זען און ווי צו די אויערן, וואָס טוען אַזוינס הערן. ווי געשריען אויף אונדזערע אומ־גליקלעכע ברידער, וואָס זיינען פאַרלוירן געגאַנגען, און אויף וועלכע ס'איז מקויים געוואָרן דער פּסוק: „די נאַראָנים האָבן געזינדיקט און באַשטראָפט געוואָרן" (משלי כ"ז, י"ב). מיר האָבן צו זיי נאָכאַנאַנד גערופן זיך צוריקצו־קערן צו אַללאַה, מיר האָבן זיי געבעטן זיך צו דערווייטערן פון דעם שמוץ פון חילול־שבת, און פון זיך נאָכיאָגן נאָך געלט — אָבער זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט. האָט גאָט פאַרוואַנדלט די יונגע זייערע אין אַפּן, ווייל זיי האָבן געטאָן ווי די אַפּן, נאָכצומאַכן די מעשים פון די אַנדערע ניט טראַכטנדיק, און די עלטערע זייערע זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חזירים, וואָס גאַר זייער פאַרלאַנג איז געווען צו עסן יעדע אומווירדיקע זאַך כדי פעט צו ווערן און צוצונעמען לייב.

אַז זיי זיינען צוגעקומען נענטער צו זיי, זיינען זיי נשתומם געוואָרן צו זען, ווי די חזירים און אַפּן וואָלטן זיי, די קרובים זייערע, דערקענט. זיי זיינען אַליין צוגעקומען צו זיי, זיי האָבן זיך געגראָבן אין שטויב, ווי ס'וואָלט זיי באַנג געטאָן וואָס זיי האָבן ווידערשפּעניגט דאָס מויל פון אַללאַה, זיי האָבן באַשמעקט זייערע קליידער מיט אָפענער ליבשאַפט, ווי אַ הונט וואָס שמעקט די קליידער פון זיין באַלעבאָס נאָך אַ לאַנגער צעשיידונג און גרויסע טרערן זיינען געפלאָסן פון זייערע אויגן, ווי זיי וואָלטן געוויינט אויף זייער

ביטערן גורל. און ווען די „מענטשן" האָבן געפּרואווט זיי טרייסטן און גע־רעדט צו זיי: מיר האָבן אייך דאָך געזאָגט, אַז איר וועט באַשטראָפט ווערן פאַר אייערע מעשים און פאַרוואָס האָט איר ניט געוואָלט הערן? האָבן זיי אַלע איינגעבויגן די קעפּ, ווי אַ צייכן פון חרטה אויף דעם וואָס זיי האָבן געטאָן שלעכטס — און צום גרויסן צער און טרויער איז גאָר קיין סוף ניט געווען.

און אַז די שטאָט, אָט די וואָס פון די „שומרי־שבת", האָט דאָס דער־הערט וואָס אַזוינס ס'איז געשען — זיי זיינען אַלע געקומען זען די מחללי שבת, אין וועלכע אַללאָה'ס האַנט איז געווען צום שלעכטן, טאָג נאָך טאָג, דריי טעג נאָכאַנאַנד, ביז אויפן פערטן טאָג האָבן זיי געפונען טויטע פגרים און זייערע גופים זיינען געווען אָנגעוואָרפן ווי מיסט איבער די גאַסן און די אַרומיקע פעלדער, אַ מאכל פאַר חיות און פויגלען. האָבן זיי אויפגע־הויבן זייער קול און ביטער געוויינט אויפן מורא'דיקן סוף פון זייערע ברידער און מיט אַ צעוויטיקט האַרץ אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און אויסגעשריען: ניטאָ נאָך אַ גאָט ווי אַללאָה! דו ביסט גערעכט און דיין משפט איז גערעכט!

פון יענעם טאָג אָן האָבן זיי זיך געשטאַרקט אין דער אמונה פון אַללאָה, דעם גרויסן און דערבאַרעמדיקן, און האָבן געטאָן דאָס גוטע און רעכט־פאַרטיקע אין זיינע אויגן. און אָפּגעהיט מער פון אַלץ האָבן זיי זיך אָפּגעהיט מיטן טאָג שבת, און די שטאָט אילת איז צוריק געוואָרן דאָס וואָס זי איז געווען „די שטאָט פון יראה און אהבה צו אַללאָה" און „פעסטונג פון אַחדות און התקרבות" צווישן אירע איינוואוינער פאַר אַלעמענס גוטס און הנאה.

געדענק זיי דאָס, אַללאָה, צום גוטן!

## ר' מרדכי ששון

# דער עונש פאַר חילול־שבת

„און ס'איז שוין געקומען פאַר מיר אַ פרוי מיט אַ שווער געמיט, אין וועלכער אַ דיבוק איז אַריין, און אירע קרובים האָבן געמיינט, אַז זי איז אַ קראַנקע פון כמה יאָרן, מחמת זי האָט געהאַט אַן אויסטערליש גרין פנים — האָט איך געזאָגט איינעם פון אירע קרובים, אַז זי איז קראַנק פון אַ בייזן גייסט. ווען איר פאָטער און מוטער האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי פאַר מיר געוויינט און געשריען און מיך געבעטן אַרויסצוטרייבן פון איר דעם רוח. בין איך אַוועק אַהין און זי האָט זיך אויפגעשטעלט אויף אירע פיס, און דער רוח האָט צו מיר געזאָגט: קום, געבענטשטער פון גאָט, וואָס היילט אויס צעבראָכענע הערצער! האָב איך אים געפרעגט: ווער ביסטו? האָט

ער מיר געענטפערט: פלוני בן פלוני פון ירושלים. האָב איך אים געפרעגט: מיט וואָס האָסטו זיך פאַרזינדיקט, צו באַקומען אַזאַ ביטערן עונש? האָט ער מיר געענטפערט: ווייל איך האָב געראויכערט אום שבת און פינף יאָר נאָך איידער איך בין אַריינגעקומען אין דער דאָזיקער פרוי בין איך געווען נע־ונד אין גרויס צער און איך האָב קיין מנוחה ניט. האָב איך אים געפרעגט: וואָס עפּעס ביסטו מגולגל געוואָרן אין דער דאָזיקער פרוי און ווער האָט דיר געגעבן רשות דערפאַר? האָט ער מיר געענטפערט: דערפאַר, וואָס די דאָזיקע פרוי פאַרבט זיך און פוצט זיך אום שבת, מער ווי אינדערוואָכן, און איר זינד איז זייער שווער, מחמת אירע חבר'טעס האָבן זי געשטראָפט דער־פאַר און זי האָט ניט צוגענומען זייערע שטראָפרייד, דעריבער איז איר פּנים צוגעדעקט געוואָרן מיט דער דאָזיקער אויסטערלישער גרינקייט. דעמאָלט האָב איך געזאָגט צו דער פרוי: ווי גרויס דיין זינד איז! ניטאָ פאַר דיר קיין אַנדער תרופה, סיידן, ווען דיין שיינקייט וועט צערינען. אירע אויגן האָבן געפלאָסן טרערן און זי האָט זיך אָנגערופן: האָט רחמנות אויף מיר, אַאַז״וו. דאַן האָב איך צו איר געזאָגט: דו גלויבסט אַלע רייד פון די חכמים מיט אַן אמת'ער תשובה? האָט די פרוי געענטפערט: אָמן ואָמן! און זי האָט געוויינט אַ גרויס געוויין, און דאַן האָב איך גוזר געווען אויפן גייסט, ער זאָל אַרויסגיין, און האָב אים צוגעזאָגט אים צו געבן אַ תיקון פאַר זיינע זינד — און ער איז אַרויס און אַוועקגעפלויגן און די פרוי איז געוואָרן אַ נייער מענטש און זי האָט שוין מער ניט געהאַט איר שלעכט פּנים".

(„דבר בעתו", ליווערנא, תרכ"ב)

## מיכה יוסף בערדיטשעווסקי

# דער כוח פון שבת'דיקן דאַווענען

דאָרטן, אין פינצטערן חדר פון דער תפיסה, זיצט אַ צדיק־תמים, וואָס האָט זיך פאַרשולדיקט פאַרן מלכות, מחמת אַ בלבול וואָס שלעכטע מענטשן האָבן אויף אים געמאַכט, אַז ער האָט געהאַט אַ האַנט אין טויט פון זיינעם אַ קנעכט, ווען יענער האָט גאָר אַליין גענומען זיך ס'לעבן.

דער הערשער האָט געמאַכט אַ טעות, און ער, דער צדיק, ווערט דער־פאַר געשלאָגן און געפייניקט, פאַרוואונדעט ביז אין דער נשמה, ליגט אויפן קראַנקנבעט און נעמט צו זיינע יסורים מיט ליבשאַפט. אויך זיינע שלעכטע זינדיקע שכנים, וואָס טוען אים אָן נגישות טאָג אין טאָג, ווען ער נעמט אויף זיך דעם יאָך פון מלכות־שמים, גייען אים ניט אָן, ווען ער גייט זיכער אין זיין גייסטיקן וועג.

און דאָרט איז געזעסן מיט אים אין תפיסה איינער, אַ רשע גמור, און יענער, ווען ער פלעגט צוזען די הייליקע עבודה — פלעגט ער ווערן

אויפגעקאָכט ביז גאָר, און ס׳האַרץ זיינס פלעגט אים אַנרייצן אים מבלבל צו זיין.

דאָס איז געווען איינמאָל, ערב־שבת פאַרנאַכט:

אינדרויסן איז געווען אַ זאַווערוכע, חושך־פינצטער אין וועלטיקן תהום, און אינווייניק — האָט אַ קליין ליכטל באַלויכטן דעם העכסטן קאַמער פון דער תפיסה, און ס׳האָט געברענט אין פלאַטערניש, ווי ס׳וואָלט דער־שפירט די טריט פון דער אָנקומענדיקער מלכה־שבת...

דעם צדיק׳ס פנים לויכט, ער גרייט זיך אויפצונעמען די נשמה־יתירה און מקבל־שבת זיין אין הייליקער מנוחה. און די אַרעסטאַנטן, אָנגע־רייצט פון יענעם רשע, שרייען און טומלען, כדי צו שטערן דעם צדיק, און מבלבל זיין זיין געדאַנק.

ער בעט זיך ביי זיי מיט הייליקער עניוות דאָס ניט צו טאָן, אָבער זיי טומלען נאָך שטאַרקער, אַזש עס טרייסלען זיך די ווענט.

דער שבת האָט זיך שוין אַנטפּלעקט אין זיין פולער קדושה, און די פּוחזים האָבן קיין מורא ניט און טוען זיך ניט שעמען. זיי שפּרינגען מיט ווילדע געשרייען ווי די פּראים אין מדבר, ווי באַנומען פון משוגעת.

ווען וועלן אופהערן די געשרייען?

דעמאָלט שטעלט זיך דער צדיק אויף זיין בעטל, זיך אַנגענומען מיט אַלע כוחות און אויף אַ גרויס שטאַרק קול אַרויסגעשריען: „קומט, לאָמיר זינגען צו גאָט, לאָמיר שאַלן צום פעלז פון אונדזער הילף!“

און דאָס קול איז ווי גאָט׳ס קול איבער די גרויסע וואַסערן, און זיין פחד איז געפאַלן אויף די פאַרפירטע מענטשן. זיי האָבן זיך געבויגן און געקניט, די קני האָבן זיך אָנגעקלאַפּט איינס אָן אַנדערן — און ער איז מקדם גאָטס פנים מיט דאַנק, מיט געזאַנג טוט ער צו אים שאַלן:

„מאַכט ניט האַרט אייער האַרץ!“

און דאָס האַרץ פון דער אידישן מענטשן, דעם גרעסטן רשע פונצווישן זיי אַלעמען, איז פּלוצים אויפגעציטערט געוואָרן און דערשפּירט אין זיך אַ גרויסן ריס, ער דערזעט פאַר זיין גייסטיקן בליק עפּעס אַזוינס וואָס ער האָט ביז איצט ניט געזען. —

„ליבהאָבער פון גאָט, האָט פיינט שלעכטס!“

און ווי אַ גרויס ליכט וואָלט אויפגעגאַנגען אין יענעם רשע, דאָס ליכט פון אמת! ווי אַלץ דאָס האַרטע און דאָס שלעכטע אין אים וואָלט אָפּגעווישט געוואָרן, און ער זעט זאַכן וואָס ער האָט פריער קיינמאָל ניט געזען, הערט זאַכן וואָס ער האָט פריער ניט געהערט...

„טרייסל אָפּ זיך פון שטויב, שטיי אויף!“

און דער רשע האָט זיך אָפּגעטרייסלט און זיך אויפגעשטעלט אַביסל שפּעטער. פאַרלאָזנדיק די תפיסה — איז ער אויך באַפרייט געוואָרן פון זיין רשעות, פון ביידע אינאיינעם —

ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין פאָטער אין הימל, מיט זיין גאַנצן האַרצן און נשמה, און אים געדינט מיטן גאַנצן האַרצן.

און נאַכט־איין נאַכט־אויס בויגט ער זיך, שיט אַש אויפן קאָפּ און זינגט די קאַפּיטלעך תהלים פון דוד בן־ישי.

## א. ל. גראָסמאַן

# אַ חסידישע מעשה וועגן בעש״ט

אַ מעשה מיט איינעם אַ גאָטספאַרכטיקן חסיד, וואָס האָט אומגערן מחלל־שבת געווען.

ער איז געווען געוואוינט מקבל־שבת צו זיין צוויי שעה פאַר דער שקיעה.

דורך די זעקס טעג פון וואָך איז ער געווען אַ הענדלער: פלעגט אומ־גיין פון דאָרף צו דאָרף, און פרייטיק פלעגט ער זיין פאַרזיכטיק צו קומען פרי אַהיים. איינמאָל אין וועג איז אים די זון אונטערגעגאַנגען און ער האָט פאַרשפּעטיקט קומען צו קבלת־שבת. האָט ער געגאַרט נאָך תיקון, נאָך תשובה. דער צער פון חרטה אויפן פגם וואָס ער האָט געמאַכט האָט אים געדריקט אויף דער נשמה. איז ער אַוועק צום צדיק ר׳ מיכל זלאָטשאָווער, און דער צדיק איז געווען אַ גרויסער מחמיר. האָט ער אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אויגן וואָס האָבן געוואָרפן אַ גרויסע מורא און געזאָגט:

— — כדי מתקן צו זיין דעם פּגם וואָס דו האָסט געמאַכט אין די הויכע וועלטן — מוזסטו אַ סך פאַסטן, זיך קייקלען ווינטער אין שניי און זיצן אין קאַלט וואַסער.

„יסורים ווישן אָפּ אַ מענטשנס זינד״ — נאָר דעם חסיד׳ס שוואַכער גוף און טרדת־פרנסה האָבן אים ניט געלאָזן דורכפירן דעם צדיק׳ס גזירה, האָט ער זיך אויפגעהויבן און געפאָרן צום בעל־שם־טוב.

ווען ער איז געשטאַנען פאַרן בעל־שם־טוב בעטנדיק אַ תיקון פאַרן חטא וואָס ער איז באַגאַנגען מיט חילול־שבת — האָט דער בעל־שם אַ קוק געטאָן אויף אים מיט זיינע קלאָרע דורכדרינגענדיקע אויגן און געזאָגט:

פאָר אַהיים און שטעל ליכט אין בית־מדרש.

אָבער דער חסיד האָט זיך ניט באַרואיקט, ווען ער האָט דערהערט דעם לייכטן תיקון וואָס דער בעל־שם האָט אים אַרויסגעגעבן פאַר זיין שווערן חטא; אַ מחשבה האָט אים געפּיקט: אפשר האָט דער בעל־שם־טוב זיך

טועה געווען. און ווען ער האָט דערציילט פאַרן בעש״ט פון תיקון וואָס ר׳ מיכל זלאָטשאָווער האָט אויף אים אַרויפגעלייגט, האָט אים דער בעל־שם ווידער אָנגעקוקט און געזאָגט:

— גיב ליכט אין שול אַריין! און ר׳ מיכל זלאָטשאָווער זאָלסטו זאָגן: איך בין אויף אים גוזר, אַז אויפן קומענדיקן שבת זאָל ער קומען צו מיר.

פרייטיק אינדערפרי האָט זיך ר׳ מיכל זלאָטשאָווער אויפגעהויבן, גענומען דעם טלית־זאַק מיטן שטעקן, און איז אַוועק צום בעל־שם קיין פאַסטאָוו. שוין ניט ווייט פון שטאָט איז אים באַפאַלן די שקיעה און ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט. נאָך קבלת־שבת, ווען דער בעל־שם־טוב האָט זיך געשטעלט מאַכן קידוש — איז אַריינגעקומען ר׳ מיכל זלאָטשאָווער.

— שלום־עליכם, ר׳ מיכל! — האָט דער בעל־שם־טוב אַרויסגערעדט, אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ פּאָר גרויסע לאַכעדיקע אויגן און צוגעגעבן:

— איצטער זעסטו, ר׳ מיכל, וואָס דער עונש איז פון אַ צו גרויסן מחמיר, פון יענעם וואָס גיט אַרויס אַ צו הארבן תיקון פאַר איינעם וואָס האָט מחלל־שבת געווען בשוגג.

און דער הייליקער בעל־שם האָט געשמועסט מיטן צדיק ר׳ מיכל זלאָטשעווער און אַזוי געזאָגט:

— דו, רב מיכל זלאָטשעווער, האָסט קיינמאָל ניט טועם געווען קיין טעם־חטא און דעריבער ווייסטו ניט פון שבירת־הלב, פון צער פון אַ נשמה וואָס באַגייט אַ חטא און זי לעכצט נאָך תשובה. דו דאַרפסט וויסן, אַז דורך שבירת־הלב און חרטה אויף חילול־שבת — ווערט די עבירה וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן בשוגג אָפּגעווישט און אָפּגעמעקט.

(„הארץ״, תרצ״ב)

## די שטראָף פון לענשיצער קהילה

איינמאָל, פרייטיק נאָך האַלבן טאָג, זיינען קיין לענשיץ אָנגעקומען אָרעמעלייט, איבער־די־הייזער־גייער, און מחמת קיינער אין שטאָט האָט זיך אויף זיי ניט געריכט — האָט מען ניט אָנגעגרייט געוונג עסן און די באַלע־באַטים האָבן ניט געוואָלט פאַרבעטן די אורחים לשבת. זיינען זיי געקומען צום רב ר׳ חיים און אויסגעלייגט פאַר אים זייערע טענות: רבי, קיינער נעמט אונדז ניט אַריין אויף שבת! ווען ר׳ חיים האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אויפגעהויבן, אָנגעטאָן זיין שבת׳דיקע קאַפּאָטע און געזאָגט צו די אָרעמעלייט: קומט, מיר וועלן האַלטן שבת אין דער נאָענטער אַזערקאָוו. ווען די שטאָטלייט האָבן דערזען, ווי דער רב גייט אַוועק מיט די אָרעמעלייט, און זיי האָבן זיך דערוואוסט פאַרוואָס, האָט יעדער איינער פון זיי אַריינגענומען אַן אורח אויף שבת.

# אַ בריטהאַרציקער מכנים־אורח

ר׳ ישעיה זשוכאָוויצער איז געווען אַ צדיק־תמים, ער האָט געהאַלטן אין אַרענדע די מיל און גוראַלניע פון זשוכאָוויץ, ניט ווייט פון מיר. איינ־מאָל זיינען צו אים געקומען אורחים פרייטיק שפּעט פאַרנאַכט — און ר׳ ישעיה האָט זיי צוגענומען זייער פריינטלעך, און ווען זיי האָבן זיך געגרייט צו קבלת־שבת — איז ער אַריינגעקומען צו זיי און געזאָגט: אַזוי ווי איר קומט פון דער פרעמד און איר ווייסט ניט וואָס די אַכסניה וועט אייך קאָסטן — בין איך אייך לכתחילה מודיע, אַז ס׳וועט אייך קאָסטן פיר גילדן פער מאָן; אפשר רעכן איך אייך טייערער ווי אַן אַנדערער, אָבער איר מעגט עסן און טרינקען אַ גאַנצן טאָג שבת פון בעסטן און שענסטן, אַריינגערעכנט אויך די סעודה פון מלווה־מלכה. האָבן די סוחרים געהאַלטן שבת ביי ר׳ ישעיה׳ן אין הויז, געגעסן פון בעסטן און געטרונקען די טייערסטע ווינען — זיי עסן דאָך עפּעס זייער אייגנס און דאָס עסן איז זייער טייער. אויף מאָרגן, ווען זיי זיינען געקומען אים באַצאָלן פאַרן שבת, האָט ר׳ ישעיה געלאַכט און אַ זאָג געטאָן: וואָס הייסט, איך וועל פאַרקויפן אַזאַ טייערע מצוה ווי הכנסת־אורחים פאַר פיר גילדן? און האָט פון זיי גאָרנישט גענומען.

# דער ריח פון שבת׳דיקן טשאָלנט

אַ מעשה מיט איינעם אַ צדיק, וואָס איז שבת געגאַנגען צו אַ צווייטן צדיק, וועמען ער האָט שטאַרק ליב געהאַט, און מחמת זיין גרויסער ליב־שאַפט האָט ער ליב געהאַט צו עסן ביים צווייטן צדיק׳ס טיש. נאָר אַזוי ווי ער איז ניט געווען איינגעבעטן צום עסן, נאָר איז אַליין געקומען האָט ער מיטגענומען מיט זיך אַ טעפּל טשאָלנט, וואָס זיין ווייב האָט געמאַכט. אַז ס׳איז געקומען צום עסן האָט מען געשטעלט פאַרן באַלעבאָס זיין אייגענעם טשאָלנט און אויך דעם טשאָלנט פון צדיק דעם אורח, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט. האָט דער באַלעבאָס געפונען, אַז דעם אורח׳ס טשאָלנט שמעקט בעסער אַן אַ שיעור פון זיין אייגענעם טשאָלנט. האָט דער באַלעבאָס געזאָגט צום אורח: פונוואַנען נעמט זיך אָט דער פיינער זעלטענער ריח וואָס שמעקט פון דיינע געקעכטסן? האָט דער אורח אים געענטפערט: מיין ווייבס ליפּן טריפן מיט מור און דאָס געקעכטס האָט זיך דורכגעדרונגען מיט איר ריח, אָבער דיין געקעכטס ווערט געקאָכט דורך משרתים, וואָס זאָגן ניט ביי יעדן קער און ווענד פון מאַכן דעם טשאָלנט: לכבוד דעם הייליקן שבת, ווי מיין ווייב איז זיך נוהג — דעריבער שמעקט דיין געקעכטס ניט ווי מיינס.

(ספר „משל ונמשל״ פון ר׳ יוסף חיים ראש גולה דבבל רבתי)

## צוליבן כבוד פון אַן אורח

דער ריזשינער צדיק איז איינמאָל אַ שבת איינגעשטאַנען ביים אַפּטער צדיק. ווען זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש, האָט דער ריזשינער צדיק באַמערקט, אַז דער רבי עסט זייער ווייניק. האָט ער צו אים געזאָגט: אמת, איך בין ניט קיין גרויסער עסער, אָבער איר, רבי, עסט דאָך תמיד מערער, טאָ פאַרוואָס זייט איר משנה פון אייער מנהג? האָט דער רבי געענטפערט: די דאָזיקע זאַך לערנען מיר פון שבת גופא. אַז עס מאַכט זיך אויף שבת אַ פיינער אורח, ווי למשל, ראש־חודש, איז אים דער שבת מכבד מיט איין תפילה. ווען עס קומט צו אים נאָך אַ שענערער אורח — אַ יום־טוב — איז אים דער שבת מכבד מיט אַלע תפילות, אָבער, ווען עס מאַכט זיך אים אַ געהויבענער און וואָגיקער אורח פון די אַלע — יום־כפור — דעמאָלט זאָגט דער שבת צום אורח: הגם אין מיין טאָג איז שיין צו עסן פון דאָס בעסטע און טרינקען פון דאָס שענסטע, אָבער מחמת מיין גרויס ליבשאַפט צו דיר וועל איך גאָרניט פאַרזוכן.

(„מגבורי החסידות” להרב גוטמאַן)

## נאָך אַ מעשה מיטן ריזשינער צדיק

דער קאָברינער צדיק איז איינמאָל געקומען קיין ריזשין, צום הייליקן רבין, אַ פרייטיק פאַרנאַכט. האָט ער זיך אָנגעטאָן די שבת׳דיקע בגדים און איז אַוועק נעמען שלום פון הייליקן רבי׳ן. אַז ער איז אַריינגעקומען אין רבינ׳ס חדר האָט ער געטראָפן דעם רבין שטיין מיט דער ליולקע אין האַנט און לאָזן רויך ווי פון אַ קאַלכאויוון און האָט באַלד אָנגעהויבן צו דערציילן: אַ מעשה מיט איינעם, וואָס האָט פרייטיק שפּעט פאַרנאַכט פאַר־בלאָנדזשעט אין אַ וואַלד, און ווייס ניט ווי אַזוי פון דאָרט אַרויסצוקומען. פּלוצים דערזעט ער אַ הויז פונווייטן — איז ער אַריין אינווייניק, זעט ער אַ גזלן זיצט און פאַר אים אויפן טיש ליגט אַ פּיסטויל. האָט ער זיך דער־שראָקן און אָנגעהויבן טראַכטן: וואָס טוט מען? אַנטלויפן? — טאָמער וועט דער גזלן אים נאָכשיסן מיטן פּיסטויל. בלייבן דאָרטן? — איז דאָך זיין נפש אין סכנה. האָט ער זיך מיישב געווען, צו נעמען דעם פּיסטויל אין האַנט און אַליין צו שיסן. ממה־נפשך, וועל איך אַוועק׳הרג׳ען דעם גזלן — איז דאָך מה־טוב, און אויב ניט, וועט דאָך ס׳הויז פול ווערן מיטן רויך פון דער שיסעריי און ס׳וועט לייכט זיין צו אַנטלויפן. ווען ער האָט פאַרענדיקט די מעשה, האָט ער אַוועקגעשטעלט די ליולקע און אַ זאָג געטאָן: שבת!

## ס׳איז ניט פּאַסיק תפילה צו טאָן פאַר אַ חולה אום שבת

איינמאָל אין אַ שבת איז זיין זון קראַנק געוואָרן, האָט אים זיין ווייב געפרעגט, פאַרוואָס ער טוט ניט תפילה פאַרן קינד? האָט ער צו איר געזאָגט: ס׳איז אַ משל אַנטקעגן איינעם, וואָס האָט צוויי זין, איינער איז ביי אים אין שטוב און דער צווייטער איז אינדערפרעמד. נאָר דער טאַטע שיקט אים אויף אַלץ וואָס ער באַדאַרף. וואָס איז דער חילוק צווישן זיי? דער וואָס איז ביים טאַטן אין שטוב, נעמט זיך אַלץ וואָס ער וויל אַליין, אָבער, דער צווייטער מוז אָנקומען צום טאַטן, ער זאָל אים שיקן אויף וואָס ער באַדאַרף האָבן. אַזוי איז מיט אונדז: שבת זיינען מיר זיך מתייחד מיט גאָט־ברוך־הוא און מיר דאַרפן ניט זאָגן קיין אַנדער תפילה, ווי בלויז די תפילה פון „הבו גודל לאלוקינו". (אין מדרש: „הבו גודל לאלוקינו" — דאָס זיינען שבתים און יום־טובים).

## אַ מעשה מיטן סאַוראַנער רבין

דער סאַוראַנער רבי איז איינמאָל געקומען אין אַ שטאָט צו האַלטן שבת. אין יענער שטאָט איז געווען אַ וויינשיינקער און ביי אים אין שטוב איז איינגעשטאַנען אַ מאַן וואָס האָט געהאַט ביי זיך פופציק זילבערנע רובל. שבת — האָט דער מאַן ניט געוואָלט באַהאַלטן ס׳געלט ביי וועמען ס׳איז, מחמת, ער האָט קיינעם ניט געטרויט, איז ער געגאַנגען און באַהאַלטן ס׳געלט צווישן די פעסלעך ווין. שבת־צו־נאַכט — איז ער געגאַנגען נעמען דאָס געלט — און דאָס געלט איז ניטאָ. האָט ער אויפגעהויבן אַ גרויס געשריי, אַז דאָס איז געווען אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט אין דער וועלט. די זאַך האָט דערגרייכט צום רבינס אויערן — האָט ער געשיקט רופן דעם באַלעבאָס, נאָר דער האָט גע׳טענה׳ט, אַז ער ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן. אויב אַזוי, האָט דער רבי געזאָגט, איז דיין גאַנצער ווין יין־נסך, מחמת, דער גנב איז מן־הסתם געווען אַ גוי... האָט דער רבי געהייסן דעם שמש אויסרופן אין אַלע שולן, אַז יענעמס ווין איז יין־נסך. ווען דער באַלעבאָס האָט דאָס דערזען, איז ער געקומען צום רבין און זיך מודה געווען, אַז ער האָט גע׳גנב׳עט דאָס געלט, און ער האָט אויף דעם געגומען אַ שבועה. אָבער דער רבי האָט ניט מתיר געווען דעם ווין, ביז ער האָט אומגעקערט דאָס גאַנצע געלט.

## ר׳ נטע אָריטשער׳ס מנהג

דער הייליקער רבי, ר׳ נטע אָריטשער, פלעגט ניט שלאָפן דעם גאַנצן שבת׳דיקן מעת־לעת, און פלעגט זאָגן: ווי אַזוי שלאָפט דאָס אַ מענטש שבת? האָט דאָך דער מלך נאַפּאָליאָן קיינמאָל דורכן טאָג ניט געשלאָפן, מחמת ער

פלעגט זאָגן: ווען איך שלאָף — בין איך דאָך קיין מלך ניט, און ס'איז מיר אַ גרויסער שאָדן צו פאַרלירן עפּעס פון מיין מלכות דורך שלאָפן. און שבת איז דאָך געוויס אַ מלכה, און אַזוי ווי זי איז אונדזער בת־זוג, זיינען מיר דאָך מלכים.

(פון „אוהל נפתלי״)

## אַ טשיקאַווע דין־תורה

ר׳ שמשון איז געווען אַ באַלעבאָס אין בוטשאַטש, און לעבן אים אין שכנות האָט געוואוינט איינער אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט אַ שיינק און האָט ניט אָפּגעהיט שבת, ווי ס'געהער צו זיין. האָט אים דער אויבנדער־מאָנטער ר׳ שמשון מתרה געווען, און אַזוי ווי ער האָט געזען, אַז יענער הערט זיך צו אים ניט צו — איז ער אַוועק צום דאָרטיקן רב און אים גערופן צו אַ דין־תורה. דער שכן האָט זיך זייער שטאַרק געוואונדערט, מחמת, ער האָט קיינמאָל מיטן דאָזיקן ר׳ שמשון ניט געהאַט קיין געשעפטן, פונדעסטוועגן איז ער אַוועק צום רב. ווען ער איז אַהין געקומען — האָט ר׳ שמשון גע'טענה'ט, אַז אַזוי ווי די חכמים האָבן געזאָגט, אַז צוליב חילול־שבת פאַלט אַריין אַ שרפה אין הייזער, דעריבער מאָנט ער אים צום דין, אַז ער זאָל טאָן איינס פון די צוויי, ענטוועדער, ער זאָל אויפהערן מחלל־שבת צו זיין, אָדער, ער זאָל אָפּקויפן ביי אים דאָס הויז, ווייל ער האָט מורא פאַר אַ פייער, מחמת, ער וואוינט אין שכנות פון אַ מחלל־שבת. ווען דער שכן האָט דאָס אויסגעהערט — האָט ער זיך שטאַרק פאַרשעמט און האָט צוגעזאָגט אויפהערן מחלל־שבת צו זיין.

(דאָרטן)

## דער שכר פון פּוצן ערב־שבת די שיך

אין נאָמען פון אַפּטער צדיק: מדרש פליאה: אידן ווייך ניט, וואָס פאַר אַ שכר עס קומט זיי פאַר פּוצן ערב־שבת די שיך; עס שטייט געזאָגט: „ווי שיין דיינע טריט זיינען אין די שיך״. (שיר־השירים) דאָס איז וואָס ס'שטייט געשריבן: „און גאָט צבאות האָט אין יענעם טאָג גערופן צו געוויין און צו קלאָג און זיך צו רייסן די האָר פון קאָפּ און זיך אָנצוגורטן אַ זאַק״ — אַזוי זאָגט דער טשיקאַווער מדרש. און דער אַפּטער רבי האָט דערקלערט דעם דאָזיקן מדרש דורך אַ משל. איינער אַ גרויסער גביר איז געוואָרן אַ יורד, ניט פאַר אונדז געדאַכט, ביז ער איז געוואָרן אַ בעטלער און אָרעמאַן, וואָס גייט פון דאָרף צו דאָרף און פון שטאָט צו שטאָט. איינמאָל, גייענדיק אין וועג איז ער צוגעקומען צו אַ באַרג און דאָרט זיינען געווען זייער שיינע שטיינדלעך, האָט ער אויפגעקליבן אַ סך פון די דאָזיקע שטיינדלעך און זיי

אַריינגעוואָרפן ביי זיך אין טאָרבע. גייט ער זיך אַזוי צו פוס און די משא אויף די פלייצעס פּאַלט אים שווער, נעמט ער און וואַרפט אַראָפּ פון זיך די שטיינדלעך, שטיינדל נאָך שטיינדל. צום סוף איז ער געקומען צו אַ גרויסן ישוב און האָט זיך איינגעקוואַטירט ביי איינעם אַ אָרעמען מלמד, און איז געווען זייער פאַרמאַטערט, הונגעריק און דאָרשטיק. האָט ער אָנגעהויבן אַרומזוכן אין טאָרבע, אפשר וועט ער דאָרטן געפינען עפּעס אַ מטבע, זיך עפּעס דערפאַר צו קויפן. האָט ער געפונען אין טאָרבע איינס פון די שטיינדלעך, וואָס ער האָט אַזויפיל אַוועקגעוואָרפן, אָבער, ער האָט ניט געפונען אפילו קיין איינציקע פרוטה — האָט ער זיך גענומען פאַרענטפערן פאַרן אָרעמען מלמד. נאָר ווען דער מלמד האָט ביי אים אין האַנט דערזען דעם שטיין, האָט ער זיך אָנגערופן: הער נאָר, וואָס איך וועל דיר זאָגן: איך וועל אַריבערגיין מיט דיר צו אַ דימענטהענדלער, ווייל, ווי מיר דוכט, איז דאָס אַ טייערער שטיין. דער אָרעמאַן האָט אָפּגעשטופּט דעם מלמד מיט ביידע הענט, מחמת ער האָט ניט געוואָלט הערן קיין נאַרישקייטן, נאָר יענער איז צו אים צוגעשטאַנען, ביז ער איז מרוצה געוואָרן צו גיין מיט אים. געקומען ביים סוחר אין הויז און דער אָרעמאַן ווייזט אים דעם שטיין — האָט אים דער סוחר אָנגעבאָטן טויזנט דוקאָטן פאַרן שטיין, און זעענדיק אַז דער אָרעמאַן איז געבליבן שטיין אַ פאַרוואונדערטער, האָט ער געמיינט אַז יענער ווייס דעם ווערט פון שטיין — האָט ער צוגעלייגט נאָך אַ טויזנט און נאָך אַ טויזנט, ביז ס'איז דערגאַנגען צו זייער אַ גרויסן סכום. דעמאָלט איז דער אָרעמאַן געפאַלן צו דער ערד, זיך גענומען פליקן די האָר פון קאָפּ און גענומען שרייען: אַזויפיל טייערע שטיינער האָב איך געהאַט ביי מיר אין די הענט, און זיי זיינען געווען גרעסערע און שענערע פאַר דעם, און איך האָב זיי אַוועקגעוואָרפן פון די הענט, ווי זאַכן וואָס האָבן קיין ווערט ניט.. אַזוי איז אויך ווען דער מענטש קומט אויף יענער וועלט און באַקומט זיין שכר פאַר פוצן די שיך זיינע לכבוד־שבת, און דער שכר זיינער איז זייער גרויס, דעמאָלט: „און גאָט צבאות האָט אין יענעם טאָג גערופן פאַר געוויין און קלאָג".

## אַ מעשה מיטן ווילנער גאון און דעם רב ר׳ ישראל

אין די צייטן פון ווילנער גאון — איז אין ווילנע געווען רב ר׳ שאול'קע, אַ גאון וצדיק, פון די אַלטע רבנים, און אַ תקיף בדעתו.

איינמאָל האָט דער גאון ר׳ אליהו גע'פסקנ'ט אַ שאלה, ניט ווי ר׳ שאולקע, נאָר שפּעטער האָט ער מודה געווען, אַז דער דין איז ניט ווי ער האָט גע'פסק'נט.

די מעשה איז געווען אַזוי:

אין דער שכונה וואו דער גאון האָט געוואוינט — האָט געוואוינט אַן אָרעמער שניידער. פרייטיק־צו־נאַכט האָט זיך ביים שניידער געמאַכט אַ

שאלה: ווען דער שניידער איז געזעסן ביים טיש, ער מיט זיין הויזגעזינט און זיינע צוויי שניידער־געזעלן און זיך געזונגען זמירות, וואַרטנדיק, אַז דאָס ווייב זאָל דערלאַנגען דעם שבת׳דיקן צימעס. האָט זיך געטראָפן אַן אומגליק מיטן צימעס, ס׳איז אַריינגעפאַלן אַ שאלה מכוח פליישיקס און מילכיקס.

האָט דער שניידער געשיקט איינעם פון זיינע באַהעלפערס צום רב פרעגן אַ שאלה. דער רב האָט געוואוינט ווייט פון שניידערס דירה, און דער שניידער מיט זיין הויזגעזינט זיינען מיד וואַרטנדיק. אַ פאַרשטערטער שבת.

האָט זיך דעם שניידערס ווייב דערמאָנט, אַז ניט ווייט פון זיי וואוינט ר׳ אליהו און אַז ער איז אויך אַ מורה הוראה ביי אידן. האָט דער שניידער געשיקט דעם צווייטן באַהעלפער פרעגן ביי ר׳ אליהו׳ן די שאלה.

נעמט ניט קיין סך און דער ערשטער באַהעלפער קומט צוריק, דער רב האָט געזאָגט: כשר!

האָט זיך דער שניידער באַרואיקט און הייסט זיך דערלאַנגען דעם צימעס. און אין דער מינוט עפנט זיך די טיר, דער צווייטער באַהעלפער קומט אַריין; ר׳ אליהו האָט געזאָגט: טריף!

דער שניידער און דאָס גאַנצע הויזגעזינט זיינען צעטומלט. וואָס זאָלן זיי טאָן און וועמען זאָלן זיי פאָלגן?

האָט דער שניידער אָנגעטאָן די קאַפּאָטע, אַליין אַוועק צום רב און אים דערציילט די גאַנצע מעשה.

— גיי אַהיים — האָט אים ר׳ שאול׳קע געזאָגט — און איך און ר׳ אליהו וועלן באַלד קומען ביי דיר אין הויז אַריין, פאַרזוכן דיין צימעס.

איז דער שניידער געלאָפן אַהיים מיט דער פלוצימדיקער בשורה: דער רב און ר׳ אליהו קומען אַהער פאַרזוכן דעם צימעס!

איז געוואָרן אַ מהומה אין שטוב: עפּעס אַ קלייניקייט — אַזעלכע געסט! באַלד האָבן זיך דערוואוסט דערפון די שכנים, וואָס האָבן געוואוינט אין יענער שכונה, אַז דער רב און ר׳ אליהו בכבודו ובעצמו, קומען ביים שניידער אין הויז און די קליינע ענגע דירה איז געוואָרן איבערגעפּאַקט מיט מענטשן.

און ר׳ שאולקע איז אַריינגעקומען צום גאון ר׳ אליהו און געזאָגט:

— קומט, ר׳ אליהו, פאַרזוכן פון שניידערס כשר׳ן צימעס.

— אויב דער רבי הייסט — האָט דער גאון געענטפערט — בין איך מוכן ומזומן צו פאָלגן. איר זענט דאָך דער מרא־דאתרא.

אַביסל שפּעטער זיינען ר׳ שאולקע און דער גאון אַריינגעקומען ביים שניידער אין הויז. דער עולם האָט געמאַכט פלאַץ פאַר זיי ביראה ובכבוד. זיי זיינען אַריינגעקומען און זיך געזעצט צום טיש. ר׳ שאולקע האָט זיך געהייסן דערלאַנגען דעם צימעס.

האָט דעם שניידערס ווייב גענומען אַ נייעם פּסח׳דיקן טעלער, אַריינ־געלייגט אין דעם אַ פּאָר לעפל צימעס און ד׳אָס געטראָגן צום טיש. פאַרביי־גייענדיק די ליוסטרעס מיט די אָנגעצונדענע ליכט — האָט פּלוצים אַ ליכט זיך אַ שאָקל געטאָן און אַריינגעפאַלן אין טעלער. דער גאַנצער עולם איז אַ פאַרצאַפּלטער געבליבן.

האָט זיך ר׳ שאולקע אויפגעשטעלט אויף די פיס און געזאָגט צום גאון: איר זענט גערעכט, פון הימל האָט מען מיר אויפגעוויזן, אַז דער דין איז ווי איר האָט געזאָגט...

## די מידה פון הכנסת־אורחים ביי סהל בן נטירא

וועגן סהל בן נטירא פון באַגדאַד (פון צענטן יאָרהונדערט לויט דער קריסטלעכער צייטרעכענונג) ווערט דערציילט:

ער פלעגט יעדן טאָג רייטן פון זיין וואוינונג צום קאַליפס פּאַלאַץ און פלעגט אַליין פאַר זיך די מינדסטע זאַך ניט נעמען פון מלכות׳דיקן שאַצ־קאַמער. די שכירות וואָס זיינען פאַר אים געווען באַשטימט — פלעגט ער צעטיילן צווישן די וויזירן — און פאַר זיך פלעגט ער גאָרנישט איבערלאָזן. מיט אידן האָט ער אַ סך גוטס געטאָן, מיט גרויס און קליין, און ס׳איז ניט באַקאַנט קיין איינציקער מענטש, מיט וועמען ס׳האָט געטראָפן עפּעס אַן אומגליק, אַז סהל זאָל אים ניט העלפן. ער האָט דערוויטערט פון אים זיין צרה און אים געהאָלפן מיט געלט, אַחוץ וואָס ער האָט געטאָן זייער פיל צדקה, עפנטלעך און פאַרבאָרגענערהייט, מיט געלט און מיט בגדים. יעדן שבת׳דיקן טאָג פלעגן מענטשן קומען דאַווענען ביי סהל׳ען און ער פלעגט פאַרבעטן צום עסן איטלעך איינציקן וואָס איז געווען ביי אים אין הויז; אַ יונג אַ משרת פלעגט שטיין אַנטקעגן אים און דעם, וואָס ער פלעגט וועלן זעצן ביי זיין טיש — פלעגט ער אַ קוק טאָן אויפן משרת, און דער יונג פלעגט שוין פאַרשטיין זיין כוונה און פלעגט אים פאַרהאַלטן. נאָכן דאַווענען פלעגן די מענטשן אַרויס דורך אַ צווייטער טיר, ניט דורך דער טיר דורך וועלכער זיי זיינען אַריינגעקומען; צוערשט, גייען עסן אָרעמעלייט, צווישן צוויי הונדערט (די קלענסטע צאָל) ביז פיר הונדערט מאַן. זיי זיינען אויס־געזעצט צען מענטשן אַרום איין טיש. סהל פלעגט זיך נוהג זיין צו באַשטעלן אַלע נייטיקייטן פאַרן שבת׳דיקן טיש פון דריי קראָמען. און די אַריינקומענ־דיקע אָרעמעלייט פלעגן נעמען מיט זיך שטילערהייט ברויט און פלייש צו זיך אַהיים. און אַלץ וואָס פלעגט איבערבלייבן פון שבת׳דיקן טיש — פלעגט מען אָוועקגעבן צו אָרעמע לייט, צו יעדן איינעם אַ ברויט און צוויי שטיקער פלייש, נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעגעסן ביים טיש. סהל אַליין פלעגט שטיין איבער זיי מיט אַ פּעכער, ביז זיי פלעגן ענדיקן עסן און ער פלעגט זיי דער־

לאַנגען ווײַן און פּירות און אַנדערע גוטע זאַכן; ער פלעגט נעמען מיט זיי אַ ביסן און פלעגט בענטשן פאַר זיי ברכת־המזון און פלעגט זיי פאַנאַנדערלאָזן. נאָכדעם פלעגט ער גיין צום טיש מיט זיינע איינגעלאַדענע מענטשן. נאָכן עסן, ווען מ׳האָט אַראָפּגענומען פון טיש, פלעגט ער הייסן ברענגען פאַרשיי־דענע משקאות און פלעגט טרינקען מיט די איינגעלאַדענע, און די געלאַדענע פלעגן ביי אים בלייבן נעכטיקן שבת־צו־נאַכט.

(דינאַבורג, „ישראל בגולה״, ספר שני)

## די נשמה־יתירה

ביי רב ברוכ׳לען אין הויז, שלש־סעודות צייט, נאָכדעם, ווי ער האָט געענדיקט זאָגן תורה און די חסידים זיינען געזעסן אַרום געגרייטע טישן, גרייט זיך צו נעמען צום שלש־סעודות — האָט זיך פּלוצים געעפנט די טיר און אין הויז איז אַריינגעקומען ר׳ חייקל דער חקרן, וואָס אי׳ז געווען אַ מוחזק פאַר אַן אַפּיקורס.

— עסט און טרינקט, גוטע חסידים — האָט ער זיך געווענדט צו די חסידים מיט אַ וויץ — אי׳צט איז די שעת־רצון פאַר דער נשמה יתירה.

— פאַרוואָס נעמסטו קיין חלק ניט אין דער סעודה — האָט אים הער־שעלע געפרעגט — דו האָסט דאָך אויך אַ נשמה יתירה, ווי אַלע אידן...

— חלילה — האָט דער חקרן אים געענטפערט, ווי אַן אָפּגעבריטער — איך האָב בלויז איין נשמה.

— און די איינע איז אויך איבעריק פאַר דיר — האָט אים הערשעלע געענטפערט...

(אליעזר שערמאַן, „הערשעלע אָסטראָפּאָלער״)

## ר׳ שניאור זלמן און ר׳ ברוך פון מעזבוזש

ווען ר׳ שניאור זלמן, דער „בעל־התניא״, האָט אָנגעהויבן פּראָווען רבנות און צוציען צו זיך אַ קהל חסידים — האָט ר׳ ברוך מעזבושזער, דעם בעל שם־טוב׳ס אייניקל אַרויסגעוויזן צו אים אַ העפטיקע קעגנערשאַפט, מחמת ער איז געווען אַ גרויסער קפדן און ער האָט געקוקט אויף ר׳ שניאור זלמנען, ווי אויף אַ מסיג־גבול.

איינמאָל איז ר׳ שניאור זלמן געפאָרן קיין מעזבוזש אויפן בעל־שם־טוב׳ס קבר. איז ער אַריינגעקומען מקבל־פּנים זיין ר׳ ברוכ׳ן. ר׳ ברוך האָט אים ניט אויפגענומען פריינטלעך און אים אויפגעוואָרפן, אַז ער ברעכט די צוימען פון חסידות און ער ענדערט די מטבע וואָס דער בעש״ט האָט געפורעמט.

— וואָס אַזוינס האָב איך געטאָן — האָט זלמן געפרעגט.

— וואָס הייסט — איז ר׳ ברוך אַריינגעפאַלן אין כעס — איר באַפוילט אייערע חסידים ניט צו זאָגן „ושמרו" אין פרייטיק־צו־נאַכטיקן דאַווענען.

— דאָס איז על־פי־דין, האָט ר׳ שניאור זלמן געלאָסן געענטפערט, כדי ניט מפסיק צו זיין צווישן גאולה לתפילה.

— צי דען ווייס ער ניט — האָט ר׳ ברוך אויף אים געשריען — אַז ווען אידן זאָגן „ושמרו" אויף דער ערד ווערט אַ „יאַריד" אויפן הימל ?

נו — האָט ר׳ שניאור זלמן לאַכנדיק געזאָגט — אויב אַ מענטש אַ סוחר פאַרט ניט אַמאָל צו אַ יאַריד — איז ער דעריבער קיין סוחר ניט ? און בכלל, וואָלט איך ניט וועלן, אַז מיינע חסידים זאָלן פרייטיק אויף דער נאַכט מאַכן „יאַרידן"...

(מ. ליפסאָן, „מדור לדור")

## יהודה עלזעט

### I

## די שבת׳דיקע מאכלים

באַלד מיטוואָך, ווען מ׳זאָגט ביים דאַווענען אינעם „יום" די פסוקים „לכו נרננה" — הייבט שוין אָן אָנצוקומען דער ריח פון שבת און צוזאַמען מיט אים די זאָרג : פונוואַנען נעמט מען אויף שבת ?

די עכטע הכנות הויבן זיך אָבער אָן ערשט דאָנערשטיק, אַזוי גיט אונדז איבער אייזיק מאיר דיק, דאָס „איינער האָט זיך בדרך הלצה באַקלאָגט דאָס ער האָט קיינמאָל קיין גוטן דאָנערשטיק ניט געהאַט. אַלס ער וואַר נאָך ביי דער מוטער אין בויך פלעגט ער ווערן אום דאָנערשטיק האַרט געדריקט פון די קרוצקע, מעל און פלייש, וואָס די מוטער האָט אָנגעראַצעט אין פאַר־טעך אויף שבת ; אַלס ער איסט געבאָרן געוואָרן, פלעגט ער דאָנערשטיק בלייבן אָן גאַל שרייענדיק פון הונגער, ווייל די מוטער איז אַוועק אין גאַס צו מאַכן אַן איינקויף אויף שבת און פלעגט זיך פאַרגעסן צו קומען צוריק, און נאָכהער, אַלס איך בין געוואָרן אַלט אַ יאָר פינף און האָב אָנגעהויבן צו גיין אין חדר, פלעגט מיר דער רבי אָראָפּנעמען די הויט דאָנערשטיק, דאָס איך זאָל קענען וואָס איך האָב געלערנט אַ גאַנצע וואָך. און אַלס איך האָב חתונה געהאַט, פלעגט די ווייב בעטן אום דאָנערשטיק אויף דעם היי־ליקן שבת. און אַז מ׳האָט שוין געהאַט „אויף שבת", האָט זיך ערשט אָנגע־הויבן די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער אידישער פרוי צוצוגרייטן „אַ שבת — ווער צו גאָט האָפט"...

„פאַר די שבת׳דיקע מאכלים אין פוילן, וואָלטן די ווייבער זיך געלאָזט מקריב זיין. אַז עס טרעפט זיך אַמאָל, אַז איין מאכל ווערט חלילה קאַליע

— איז דער סלוטשיי אַזוי טרויעריק ביי זיי, גליך ווי זייער בן־יחידל וואָלט זיך אויסגעוויכניעט אַ פּיסעלע... די מאכלים זיינען דאָרט אַזוי פּאַרהיי־ליקט, אַז זיי גלויבן אַז דאָס גאַנצע שבת׳דיקע עסן, דעם טשאָלנט מיטן קוגל קאָכט אָפּ אַ מלאך... (מאַני דלוגאַטש).

און נישט קיין וואונדער; מען מוז קענען דאָס דעמאָלטדיקע אידישע לעבן אום צו פאַרשטיין דעם אידישן שבת.

אַט שילדערט אונדז א. מ. דיק דאָס לעבן פונעם שטעטל:

„דאָס שטעדטכען איז אַ גאַנצע וואָך ווי אויסגעשטאָרבן און זעט אויס ווי אַ ווייבער־רייך, דאָס הייסט, ווי איין מלוכה, וואָס ס׳לעבן אין איר נאָר ווייבער, ווייל די מאַנסלייט זיינען די גאַנצע וואָך ביז פרייטיק אַלץ אויף דעם לאַנד, גייען אום איבער די דערפער און הייפן מיט אַלערהאַנד גאַלאַנטערי זאַכן און בייטן עס דאָרט איין אויף פלאַקס, זוימען, פעלכלעך פון האָזן און פון קעלבער, אויף חזיר־האָר, אויף פעדערן, אין שטעטל בלייבן נאָר די פרויען, קינדער, כלי־קודש, די ישיבה.

דערפאַר אָבער פרייטיק ווערט די שטעטל באַלעבט און זעט אויס ווי עס וואָלט געוואָרן אין איר אַ „קיבוץ־גליות״..

אַ גאַנצע וואָך איז מען געווען פאַרוואָגלט, פאַריאָגט און פאַרצאָגט, נישט־דערעסן, נישט־דערשלאָפן. שבת איז מען נאָך אַ וואָך ליידן צוזאַמען געקומען און אין הייליקער רו געוואָלט ווי אַמשענסטן געניסן פון די פּאָר שווער־אויסגעהאָרעוועטע, פון מויל אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס. און נישט גרינג איז דאָן אָנגעקומען „שבת־צו־מאַכן״, ווי עס געהער צו זיין.

די געברויכן פון קהל זיינען דעמאָלט געווען זייער גרויס, זיך אויס־צוקויפן פון כל־המיני גזרות, אַציגד נאָך די מוסטערהאַפטע ווירטשאַפט פון די ראשי הקהל, פון די פרנס־חודש׳ס, און דעריבער „זיינען דאָן געווען פאַרזעצט אין די פוילישע שטעטלעך נישט נאָר די הענגלייכטערס פון די בתי־מדרשים, די ספר־תורות און דער כתר, עס זיינען אויך געווען פאַר־זעצט און פאַרדונגען די היוון, מעל, ליכט, פלייש, זאַלץ און וואָס נישט?״ (מאַני דלוגאַטש).

און אַזוי איז געווען אויף יעדע זאַך, וואָס אַ איד האָט געברויכט, אַ בלוט־יקרות, שרעקלעך שווער האָט באַלאַסטעט דאָס אידישע לעבן די קאָ־ראָבקע. כאָטש איך בין חושד, אַז דאָס וואָס די דעמאָלטדיקע משכילים האָבן אַזוי מרעיש עולם געווען אויף דער „טאַקסע״, איז דאָס נישט אַזוי געווען פון ליבע צו די פאָלקסמאַסן, נאָר ווייל די קאָראָבקע־געלדער האָבן געגעבן די פרנסים דעם כוח צו פירן זייער ממשלה אויף דער אידישער גאַס.

אַ גאַנצע וואָך האָט מען קיין פלייש נישט געגעסן, אָבער אויך אויף שבת איז עס גרינג נישט אָנגעקומען.

יצחק בער לעווינזאָן דערציילט אונדז, ווי מען האָט זיך געמוזט הרג׳נען און שלאָגן ביז בלוט, ביז מ׳האָט זיך דעררייסן צו באַקומען געקויפט אַ שטיקל פלייש אויף שבת. און ער לאָזט אויס מיט אַ קרעכץ:

„אַ בושה, אַ חרפה פאַר אומות־העולם, וואָס עס טוט זיך פאַר אַ גע־וואַלטן און הריגות דאָנערשטיק נאָך וואַרימעס ביי דער יאַטקע."

דאָס איז געווען אויף אַ געוויינלעך שטיקל פלייש, אַצינד אום צו באַקומען אַ „פוס" אויף שבת, „אויף דעם הרגנ׳ען זיך אין פוילן די אַלע טובי־העיר יעדן פרייטיק ביז אין בלוט אַריין איבער די פיס אויף דער פּעטשאָ. יעדער זאָגט, אַז די פיס געהערן צו אים."

דאָס איז דאָס אַלגעמיינע בילד, ווען באַקומען די צרכי־שבת, איצט וועלן מיר כסדר באַטראַכטן דאָס צוגרייטן אַלץ.

לכבוד שבת באַקט מען חלות. אָפט פלעגט טרעפן, דאָס מען האָט פאַרזעצט אַ משכון, כדי צו קויפן מעל אויף שבת׳דיקער חלה.

אין די קלענערע שטעטלעך, באַזונדערס אין ליטע, פלעגט די באַלע־באָסטע אַלע פרייטיק אויסהייצן דעם אויוון און באַקן די חלות, אויך ברויט, אויף אַ גאַנצע וואָך. ווינטער פלעגט מען קענען נאָך דאָנערשטיק אין אוונט און לאָזן ס׳טייג ליגן איבערגעדעקט מיט אַ קישן ביז פרי, ס׳זאָל יערן.

אין וואָלאָזשין פלעג איך זען באַקן אויך „באַנדעס" ד״ה אַזעלכע „גריזקעס", העלפט מעל און העלט אָנגעריבענע בולבעס.

דאָרט אַפילו וואו מען באַקט שוין נישט אין דערהיים אַליין פלעגט מען אָבער אויך נזהר זיין צו קנעטן חלות אינדערהיים און שיקן צום בעקער באַקן, און נישט קויפן גרייט פון בעקער. די אַפילו וואָס פלעגן שוין קויפן פון בעקער פאַרטיק געבאַקענע חלה, פלעגן קויפן אַ קליין ספּעציעל־געבאַקן בולקעלע — אַ חלה־נעמער — אום מ׳זאָל קענען דערפון חלה נעמען, און נישט ברויכן אָפּצוברעכן פון די גאַנצע חלות.

חלות באַקט מען פון ווייס ווייצנמעל מיט צוקערמעל, אייער און ביימל.

אין פוילן הייסן סתם „חלות" — געפלאָכטענע חלות, וואָס ווערן אויס־געפלאָכטן פון אַ זעקס־אַכט אויסגעוועלגערטע טייג־צעפּלעך. און אויסער דעם באַקט מען נאָך אין פוילן אַ „קוכן" אַ רונדיקן, וואָס ווערט געבאַקן אין אַ פענדל אויסגעשמירט מיט אייל, דעם קוכן הייבט מען אָן צו דער סעודה פון פרייטיק־צו־נאַכטס און אויף דער נאַכט פון יום־טוב. די „חלות" דאַגעגן הייבט מען אָן ביי די טאָג־סעודות.

דרויאַנאָוו שרייבט אָבער, אַז אין ליטע רופט מען חלות — ניט־געפלאָכטענע חלות, וואָס זיינען ברייט אינדערמיט און שמאָל ביי די עקן (דאָס הייסט אין פוילן „סטריצלעס") און געפלאָכטענע חלות הייסן אין ליטע: „קידקעס". און מען באַקט זיי נאָר אויף שבועות און סוכות און פורים צו

דער סעודה, מ׳רופט זיי אויך „פורים־קוילעטשן״. ספעקטאָר שרייבט אָבער אויך וועגן „אויסגעמאַכטע, אויסגעפלאָכטענע חלות לכבוד־שבת״.

„אום די חלה זאָל באַקומען אַ שיינעם ניעט ביים באַקן — דערציילט ספעקטאָר — מוז מען זיי אָפּשמירן מיט אַ געלעכל״. אויך מענדעלע מוכר־ספרים דערציילט, דאָס די חלות האָבן געהאַט מיט געלעכלעך אָפּגעשמירטע פּנים׳לעך און שוואַרצע אייגעלעך פון טשערנישקע. אויך די שבת־קוילעטשן האָט מען אָפּגעשמירט מיט אַ געלעכל.

ספעקטאָר דערציילט אויך וועגן „פייגעלעך״, וואָס זיינען געווען גע־מאַכט אויף דעם שבת־קוילעטש. באַזונדערס איז די אידישע חלה געריסט ביי כל־המיני שבת־גוים.

פרייטיק נאָכמיטאָג, כידוע, איז אַ מנהג־ותיקים, טועם צו זיין פון די שבת׳דיקע מאכלים, בכן עס שטייט דאָך געשריבן „טועמיה חיים זכו.״

עס האָט זיך אָבער געשאַפן אַ מין ספּעציעלער פרייטיק־מיטאָג, אין וועלכן די הויפּט־ראָלע האָבן געשפּילט, אויסער פיש און צימעס אויך עפּעס פון די פריש־געבאַקענע זאַכן און דער עיקר — דאָס ראָסל־פלייש, וואָס איז געווען שטאַרק נודע לשבת.

קינדער פלעגן באַקומען אַ פלעצל. און זומער, ווען ס׳איז דאָ אויבס, באַקט מען פאַר זיי „שטאָניקעס״, ד״ה אַזעלכע בולקעס וואָס זיינען אינעווייניק אָנגעפילט מיט יאַגדעס, קאַרשן, און אַמאָל מיט אַ באַרנע.

נאָכן קידוש וואַשט זיך דער פאָטער, מאַכט אַ ברכה און טיילט יעדן אויס אַ „מוציא״. דערפון ווען די הוצאות ביי אַ געשעפט שלינגען איין דעם ריווח, זאָגט מען: „די גאַנצע חלה גייט אַוועק אויף דער „מוציא״. מען זאָגט אויך: „פון אַ גרויסע חלה איז גוט צו שניידן מוציא׳ס״. ד״ה אַ גוט געשעפט גענוגט פאַר אַלע אַרומיקע, אַזוי דאָס אַלע זאָלן זיין צופרידן.

פרייטיק־צו־נאַכטס עסט מען פיש, פיש־יויך, לאָקשן, פלייש און צימעס. פיש האָט דער עולם ליב באַזונדערס געפילטע, און אויך ביי די גוים זיינען זיי שטאַרק באַרימט געווען: אַ שררה, פריסטאַוו און נאָך אַזעלכע גדולים האָט מען פּשוט געקויפט מיט אַ שטיקל אידישע געפילטע פיש.

לויט ווי מענדעלע מוכר־ספרים גיט איבער, האָט מען די פיש געפילט נישט בלויז מיט ציבעלעס, אייער, פעפער, נאָר אויך מיט קנאָבל.

אין ליטע עסט מען די פיש מיט כריין.

באַזונדערס געריסט זיינען די קאַרפּן־קעפּ, אַזוי, אַז די ראשי־העדה, די מיוחסים, די גבירים, רופט מען: די „קאַרפּן־קעפּ״. דאַגעגן ווייסט מען, דאָס דער העכט שטינקט פונעם קאָפּ.

רביים פלעגן מהדר זיין און עסן סענדאַקן, בכן, ס׳דערמאָנט אין קדושת „סנדק״, אָבער דעם קאָפּ פון אַ סענדאַק פלעגט מען נישט עסן, ווייל אינעם קאָפּ פון דעם דאָזיקן פיש געפינט זיך אַביינדל, זעט עס ממש אויס ווי

אַ צלם. אין פראַנקפורט האָבן זיי אָבער אַמאָל געהאַט אַן אַנדער געשמאַק בנוגע פיש, און דאָרט האָט מען געזאָגט: „קאַרפּע איז קיין חרפּה, העכט איז מיט רעכט, סאָלעס איז איבער אַלעס.“

היינט איז דער עולם געוואוינט צו עסן לאָקשן מיט אייער אויך אין אַ גלאַטן מיטוואָך, און נישט איינער פון די לייענער, וועט זיך מסתמא וואונדערן, וואָס איך האָב די לאָקשן אַריינגערעכנט אין די ספּעציפיש־שבת־דיקע מאכלים.

אַזוי איז אַמאָל געווען. אויף דעם זאָגן עדות אַ גאַנצע רייע שפּריכ־ווערטער און רעדנאַרטן, למשל: „אַ סך זמירות ווינציק לאָקשן פאַרן שבת“. און ווען איינער קומט אַהיים צופאַרן פרייטיק צו נאַכט שוין אום שבת, זאָגט מען. ער איז אַריינגעפאַרן מיטן דישל אינעם שיסל לאָקשן.“

עס ווייזט אויס, דאָס שוין ערב יום־טוב האָט מען זיך דערלויבט צו פאַרזוכן פון די לאָקשן. און דעריבער זאָגט מען: „געכאַפּט ווי ערב־יום־טוב׳דיקע לאָקשן.“ דען לאָקשן איז געווען אַ לאַקאָמע מאכל, אַזוי אַז מען זאָגט: „אַלע סוחרים כאַפּן אים ווי לאָקשן“. און ווען איינער כאַפּט עפּעס, זאָגט מען אים: „כאַפּ נישט, ס׳איז ניט קיין לאָקשן!“ אָבי ווער האָט זיך אויף לאָקשן נישט געקענט פאַרגינען, דעריבער זאָגט מען: „דלות קאָך לאָקשן — ניטאָ קיין אייער“.

מען דערציילט, איינער איז אין אַ תענית געקומען צו אַ קאַרגן, טרעפט ער אים איבער אַ שיסל לאָקשן מיט יויך און פלייש. פרעגט ער: סטייטש, תענית?

ענטפערט דער קאַרגער: וואָס פּאַסט מען דען? — מ׳זאָל האָבן צער. איך, אַז כ׳עס אַזאַ מיטאָג, לאָקשן מיט פלייש, איז דאָס מיין צער. פרעגט אים יענער: אויב אַזוי, טאָ עס שוין אויך פיש און צימעס? — אויף סכנת־נפשות בין איך שוין ניט מחוייב צו גיין — ענטפערט דער קאַרגער.

ווי ווייט איינער קען, איז ער מהדר צו האָבן אַן עוף אויף שבת. צימעסן זיינען געווען פאַרשיידענע מינים. אַ פלאָמען־צימעס, אַ מייערן־צימעס, אַ פּאַסטערנאַק־צימעס, פון באַרעלעך, אַן עפּל־צימעס, פון ראָזשינקעס, פון שעפּטאָל, פון געווירצן מיט לאָרבערבלעטלעך. דער עיקר איז געריכט אַ צימעס פון גאָלע ראָזשינקעס. ספּעקטאָר דערציילט אויך וועגן אַ פּאַסאָליעס־צימעס — אין בעסאַראַביע איז אויך פאַראַן — „צימעס־נאַהוט.“ עס ווערט געקאָכט מיט צוקער, און מען עסט עס הויפּטזעכלעך פרייטיק נאָכן מרחץ מיט „מאַלאַי“.

מאַלאַי ווערט געבאַקן פון מעל, פון מאַיס מיט צוקער, בוימל און אייער.

מען האָט געגלויבט, אַז צו מערידן איז אַ רפואה צו עסן מערנצימעס, אָדער פלאָמען־צימעס מיט צענעס.

אויף דעם ראַפינירטן געשמאַק פונעם עולם, זאָגט אויך עדות דער כלל, וואָס מ׳האָט געהאַט, אַז פאַסטערנאַק פאַרלירט דעם טעם באַלד ווי ער הערט דעם ערשטן דונער.

שבת בייטאָג עסט מען נאָך די פיש רעטעך און פּעטשאַ, לעבער און ציבעלעס מיט אייער. די מאכלים פון רעטעך און ציבעלעס זיינען געווען פאַרשיידנאַרטיק צוגעגרייט. שלום־עליכם דערציילט, דאָס מען נעמט רעטעך דווקא שוואַרצן און ציבעלעס מאַכט מען אויף פאַרשיידענע אופנים: אַ ציבלקע מיט שמאַלץ, מיט רעטעך, מיט אייער, מיט הערינג, אַ ציבלקע מיט לעבערלעך, אַ ציבלקע מיט גריוון און גלאַט ציבעלעס.

ספּעקטאָר דערציילט אויך, דאָס מען עסט ציבעלעס, רעטעך מיט ציבעלעס, ציבעלעס מיט רעטעך, לעבערלעך מיט ציבעלעס, איינגעהאַקטן בייליק מיט ציבעלעס, אייער מיט ציבעלעס, ציבעלעס מיט שמאַלץ, ציבע־לעס מיט בוימל...

פאַראַן אַ איד אַ הולטיי, וואָס נעמט אויך אין אַ סתם וואָכנטאָג און זעצט זיך אַוועק איבער אַ שיסל רעטעך מיט ציבעלעס צוגעשמאַלצן מיט פרישער שמעקנדיקער הינער־שמאַלץ... רעטעך מיט ציבעלע ווערן גערעכנט צווישן די בעסטע מאכלים. אויף איינעם וואָס איז געשטאָרבן, זאָגט מען מיט ליצנות „ער האָט זיך איבערגעפּעקלט, וואו מען עסט ניט קיין רעטעך מיט שמאַלץ.״

שלום־עליכם האָט געזען אין געהאַקטע לעבערלעך מיט שמאַלץ דאָס נאַציאָנאַלע אידישע מאכל.

איך האָב אַמאָל געגעסן שבת ביי אַ וואָלינער איד, האָט מען געגעבן גוט־צעהאַקטע ציבעלעס, צוזאַמען מיט קאַרטאָפל און רעטעך, גוט צעריבן אויף אַ ריבאייזן מיט שמאַלץ און לעבערלעך אויך צעריבן אויף אַ ריבאייזן.

פּעטשאַ מאַכט מען אין וואָלין אַזוי: פרייטיק־צו־נאַכטס נאָכן עסן נעמט מען דעם גאַנצן „דרויב״ פון די שבת־עופות, די פיסלעך, קעפּלעך, קראַגנדלעך, העלזלעך, אאז״וו, מען צערייסט דאָס אַביסל, און מען גיסט דערויף אַרויף די איבערגעבליבענע יויך און איבערנאַכט שטייט דאָס אַזוי און ס׳ווערט געגליווערט.

אין בעסאַראַביע מאַכט מען פּעטשאַ אויף אַזאַ אופן: מ׳נעמט אַ פוס פון אַ בהמה, מ׳בראָט אים אָפּ, אָדער מ׳זענגט אים בלויז איבער קוילן, דער־נאָך צעשניידט מען אים אויף שטיקלעך, מ׳האַקט דאָס פלייש אַדורך זייער דין, אויך די ביינער שפּאַלט מען און מ׳שטעלט עס צו קאָכן מיט אייער, עסיק, פעפער, צוקער, קנאָבל, בלעטער און מ׳קאָכט אַזוי לאַנג, ביז ס׳ווערט גוט דורכגעקאָכט און איינגעקאָכט, דערנאָך גיסט מען עס אויס אין אַ פלאַכע כלי, און עס ווערט געגליווערט.

געגוי אויפן זעלבן אופן מאַכט מען אויך אין פוילן אַמאָל אין אַ שמיטה, אַ „פוס" אויף שבת, מ׳רופט דאָס אויך אין פוילן אַ „כאַלאַדיעץ", „אַ גליווער". אין פוילן איז דאָס אָבער, ווי געזאָגט, לגמרי ניט קיין שטענדיקער שבת־מאכל.

אַמאָל, און באַזונדערס אין ליטע, איז אַ פוס אויף שבת געווען אַ מוז־זאַך. דעריבער, נאָך היינט, ווען איינער דערציילט כסדר וועגן זיינע פיס־שמערצן אד״גל זאָגט מען אים אויף קאַטאָוועס: באַהאַלט די פיס אין טשאָלנט אַריין.

אַ געוויינלעכער טשאָלנט איז על־פי־רוב באַשטאַנען פון אויסגעפּריעטע קאַשע מיט אַ פעטן מאַרכביין דערינען.

איצט קומען מיר צו דער קרוין פון די שבת׳דיקע מאכלים, צו דעם קוגל:

קוגלען זיינען געווען כל־ערליי מינים: אַט שרייבט שלום־עליכם: קוגלען אַליין זיינען דאָ מער ווי אַ צענדליק: אַ לאָקשנקוגל, אַ געבלעטערטער קוגל, אַ געקנעטעטענער קוגל, אַ קוגל פון רייז, אַ קוגל מיט ראַזשינקעס, אַ קרעפּל־קוגל, אַ שטרודלקוגל, אַ מאַנדלקוגל, אַ קוגל מיט העלזעלעך און קישקע, און נאָך.

באַזונדערס געריכמט איז געווען אַ לאָקשענער קוגל. מ׳זאָגט: „אַ היימישער שידוך, איז אַ לאָקשענע קויל", מחמת, אַ לאָקשענער קויל אַז ער געראָט נישט אַפילו — איז דאָ כאָטש לאָקשן, און אַ היימישער שידוך, ווען ער גיט זיך נישט איין אַפילו — איז דאָך יעדער אינדערהיים.

און אויך אַ געבלעטערטער קוגל איז געריכמט. עס איז נאָך געווען אַן עפּלקוגל און אַ מוסקאַט־קויל.

מענדעלע מוכר־ספרים דערציילט נאָך, וועגן אַ לאָקשנקוגל מיט אַ „גנב" — אַן אָנגעפּילט העלזל אינעווייניק. וועגן דעם „גנב" — אייניקע ווערטער: די „אינוניתא דורדא" פון דער ריאה, פון דער לונג, רופט מען אויך „גנב", ווייל ער איז באַהאַלטן הינטערן בייטל פון דער ריאה, ווי אַ גנב במחתרת; דעם דאָזיקן גנב עסן אָבער אידן ניט. בכן איז ער מיאוס.

סאַפיר אין זיין האַלב־ליצנות׳דיקע אָפּהאַנדלונג „די גאַסטראָנאָמיע דער יודן" — דערציילט אונדז בפרטות וועגן דעם שבת׳דיקן גנב; דאָס איז לויט זיינע רייד אַ פאַראייניקונג פון קוגל און טשאָלנט צוזאַמען. דאָס איז אַ רויע טויגמאַסע, וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין דערמיט פון רייז, אַרבעסן, גאַנדז־ברוסט, געגנדזענע לעבערלעך און נאָך אַזעלכע מעדנים און פּריעט זיך אויס אין אַ פאַרמאַכטן טאָפּ פיר און צוואַנציק שעה. עס רופט זיך דעריבער גנב, ווייל ער גנב׳עט אין זיך אַריין דעם טעם פון די אַלע גוטע זאַכן.

איך גלויב אָבער, אַז סאַפּיר׳ס טעם איז נישט קיין ריכטיקער און עס רופט זיך „גנב", ווייל עס איז אין דערמיט באַהאַלטן, ווי דער „גנב" ביי דער לונג און דער „גנב" — דאָס אָנגעפּילטע העלזל און דעם לאָקשנקוגל.

ספּעקטאָר דערציילט אונדז, דאָס לכבוד אַ גאַסט האָט מען שבת געמאַכט צוויי קוגלען „אַ זיסן אַ לאָקשענעם און אַ געבלעטערטן אַ וויניקן". אויך שלום־עליכם דערציילט, דאָס מען מאַכט איינעם אַ לאָקשענעם קוגל לכבוד שבת און איינעם אַ בלעטערנעם אָן אָנגעקנאָטענעם מיט ראָזשינקעס, לכבוד דעם גאַסט. אַז מען נעמט אַרויס דעם קוגל פון אויוון זאָגט מען : „נו, לאָמיר זען, צי איז דער גאַסט אַ געראָטענער, צי ניין ? אָט וועלן מיר באַלד האָבן אַ סימן פון קוגל !"

איבערן קוגל איז דאָ אַ מיינגע פאָלקס־לידלעך. ווי באַקאַנט, גלויבט מען, דאָס די מלאכים קאָכן דעם טשאָלנט און דעם קוגל.

נאָך דעם קוגל פלעגט מען נאָכטרינקען בראָנפן, אַזוי ברענגט א. בערנשטיין אַ שפּריכוואָרט : „ווער עס עסט קוגל — מוז טרינקען פיל בראָנפן." דאָס זעלבע ברענגט אויך טענדלוי נומער 712, ער גיט נאָך צו, דאָס אין נאָרד־דייטשלאַנד זאָגט מען : „עס קיין קוגל — ברויכסטו קיין בראָנפן".

מאַני דלוגאַטש (דער עולם־התוהו׳ניק) דערציילט גאָר עפּעס וועגן אַ „שוואַרצן שלש־סעודות קוילעטש" ביי גוטע אידן. אין בעסאַראַביע ווידער באַקט מען נאָך אַ „הבדלה־חלה", געפלאָכטן ווי אַ לאַנגע הבדלה, דאָס איז ספּעציעל פאַר דער „מלווה־מלכה".

עס וועט זיין ניט אָן אַ אינטערעס צו געבן דאָ אַן אַלטן צעטל פון צרכי־שבת :

טשאָלנט — אַ פונט פלייש — האָט געקאָסט פופצן קאָפּיקעס. גרויפּענע קאַשע — דריי קאָפּיקעס. אַ ביין מיט מאַרך אויף פּעטשאַ — צוויי קאָפּיקעס. אַ קוגל פון אַ בלעטל לאָקשן — דריי קאָפּיקעס. אַ פלאָסטער ס׳זאָל זיין פעט — צוויי קאָפּיקעס. דאַרע באַרעלעך מ׳זאָל האָבן אויף נאָכן טשאָלנט — איין קאָפּיקע. אָט דאָס זיינען געווען די גאַנצע אויסגאָבן אויף שבת.

וועגן די „באַרלעך־יויך" אויף אַ שבת־טרונק, זע אויך ביי פּרצ׳ן : „טרינקט באַרלעך־יויך נאָכן געזאַלצענעם טשאָלנט." („חתונה געהאַט").

פריי‌טיק־צונאַכטס נאָכן עסן, האָט מען אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ קרוג מיט עפּלקוואַס, אַ טעלער מיט באָבעס און אַ טעלער מיט ניסלעך. אויך שבת פאַרנאַכט פלעגט מען קייען באָב, קינדער פלעגן שבת עסן גע־פּרעגלטע יאַגדעס.

צום סוף פון דאָזיקן פּרק געפין איך פאַר נישט איבעריק צו געבן אַ קורצן אויסצוג פון דעם דערמאָנטן פּרק פון סאַפּיר „די גאַסטראָנאָמיע דער

יודן״, ווייל אַלע וואָס האָבן עפּעס געשריבן וועגן אידישע מאכלים האָבן אים אינגאַנצן פאַרזען.

היינע רופט טשאָלנט אָן Schalet, סאַפיר אָבער רופט עס Scholet און ער מאַכט זיך אַ ווערטל, דאָס היינע האָט בשעת׳ן טשאָלנט־עסן אויס־געפן „אָ!״ — ער, סאַפיר, האָט אָבער אויסגערופן „אַ!״ דעריבער שרייבט דער ערשטער „שאַלעט״ און ער שרייבט „שאָלעט״. ער באַשרייבט די „ברוינע קאַרפּן מיט די יודן־זויזע״, זייערע אידישע פיש, „טשאָלנט־איי״, „טשאָלנט״, „קוגל״, אַ „גנב״ און אַ „געפילט העלזל.״

וועגן דעם גנב האָבן מיר שוין זיינע רייד געברענגט, עס וועט זיין אינטערעסאַנט צו וויסן אויך, וואָס דאָס איז אַזוינס, דאָס „טשאָלנט־איי.״

מ׳פלעגט דאָן אין דייטשלאַנד שטעלן אין טשאָלנט, אויסער כל־המינים טשאָלנטן, אויך אַ טשאָלנט פון אייער. דאָס האָט מען אַזוי געמאַכט: מ׳האָט גענומען אַ טאָפּ מיט אַש, אין דעם אַש האָט מען אַריינגעלייגט אַ גע־וויסע צאָל גאַנצע אייער. דערנאָך צוגעדעקט דעם טאָפּ מיט אַ שטערצל, דאָס שטערצל פאַרקלעפּט מען מיט טייג, און אַזוי, האָט מען עס אַוועקגעשטעלט אין אויוון פון פרייטיק פאַרנאַכט ביז בייטאָג צום עסן. דאָן האָט מען די אייער אַרויסגענומען פון אַש און דאָס איז געווען מאכל־מלכים.

## א.

## פיש אויף שבת

א. פון מנהג צו עסן שבת פיש האָבן אידן שוין געהאַלטן פון די אַלטע צייטן אָן. דער ערשטער קוואַל דערפון איז דער תלמודישער מאמר: „וקראת לשבת עונג״ — מיט וואָס גיט מען אים תענוג? ר׳ יהודה, דער זון פון ר׳ שמואל בר שילת האָט געזאָגט פון רב׳ס נאָמען: מיט אַ געקעכטס פון גרינסן און גרויסע פיש און קעפּלעך קנאָבל. רב חייא בר אשי זאָגט פון רב׳ס וועגן: אַפילו מיט אַ קלייניקייט וואָס איז צו־געגרייט געוואָרן לכבוד שבת — מיינט עס שוין אַ עונג־שבת. וואָס אַזוינס? אפילו מיט קליינע פישלעך געפּרעגלט אין זייער פעטס. (שבת קי״ח).

ב. יוסף מוקיר־שבת האָט זוכה געווען צו דעם דאָזיקן נאָמען, מחמת, ער פלעגט דעם שבת אָפּגעבן כבוד דורך פיש.

ג. זיין נאָמען ווערט דערמאָנט אין די שבת׳דיקע זמירות: „יוסף האָט גע־שפּאָלטן אַ פיש און געפונען אַ פּערל אין זיין פלייש״.

ד. אַזוי ווערן אויך דערמאָנט אין זמירות „אַ וואַכטל און פיש״, „פלייש און אויך פיש,״ „ווייַן און פיש״.

ה. פון אַלע מינים פיש איז דער העכט געווען צום מערסטן באַליבט.

ו. לויט אַ ווערטל פון די פראַנקפורטער אידן איז דער פאַרצוג פון די פישן געגאַנגען אַזוי: „קאַרפּע — איז קיין חרפה, העכט איז מיר רעכט, סאַלעס — איבער אַלעס".

(טענדלוי, 699)

ז. ס'פלעגט זיין אַ מנהג צו שיקן צו אַ חשובן מענטשן אַ פיינעם פיש לכבוד שבת. ספּעציעל פלעגט מען מכבד זיין דעם שטאָט־פּרנס מיט דער דאָזיקער מתנה. און אַפילו גוים פלעגן טייער האַלטן דעם דאָזיקן מנהג צו זייערן אַ אידישן וואוילטעטער. פאַראַן אַ שאלה: איינער אַ שטאָטישער מענטש האָט געשיקט דעם פּרנס, וואָס איז ביי אים געווען שטאַרק אַנגעזען, אַ גרויסן זייער פעטן קאַרפּ, צעשפּאַלטן אין העלפט — האָט מען מיך מיך געפרעגט די שאלה: צי מעג אים אַ איד עסן?

(שאלות ותשובות „חות־יאיר")

ח. צוליב דער חשיבות פון דער מצוה — פלעגט מען זיך נוהג זיין צו פאַרזוכן די פיש מערב־שבת. „און דאָס וואָס דו פרעגסט מיך, וועגן יענעם וואָס פאַרזוכט פון דעם פיש ערב־שבת צוליב דעם טעם פון „טועמיה חיים זכו" — איז ניטאָ אין דעם קיין כזית, אַז ער זאָל דאַרפן מאַכן אַ ברכה־אַחרונה. (שאלות ותשובות „חות יאיר").

ט. פון דער דאָזיקער מצוה האָבן געהאַלטן כמעט אַלע אידן. „איך זאָל אַזוי זוכה זיין צו עסן שבת פיש, ווי דאָס איז אמת". (טענדלוי, שפּריכווערטער) דער נוסח פון דער דאָזיקער שבועה, וואָס איז געווען אין דייטשלאַנד אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך, באַווייזט, ווי די מצוה פון עסן פיש איז געווען אַ נויטווענדיקייט, וואָס מ'קען זיך אַנדערש ניט באַגיין.

י. אין אַן עלזאַסער אידיש ליד לכבוד שבת שטייט אַזוי: „זעטץ איש אַם ערב־שבת אַן מיין טעש — אונד העש חס ושלום אַמאָל קיין פיש — זאָ פעלט דער סעודה דער גאַנצער גלאַנץ — און גלייכט איינער חתונה אָהנע טאַנץ."

י"א. די פיש פלעגט מען קאָכן מיט ווייַן, אָדער מיט עסיק, אָדער מיט פעפער.

י"ב. פיש האָט דער עולם באַזונדערס ליב געהאַט געפילטע, און אויך ביי די גוים זיינען זיי שטאַרק באַרימט געווען. אַ שררה, אַ פּריסטאַוו און נאָך אַזעלכע גדולים — האָט מען פשוט געקויפט מיט אַ שטיקל אידישע געפילטע פיש.

י"ג. חסידישע רביים זיינען זיך נוהג צו עסן פיש מיט קאַרנברויט, און זיי האָבן דערפאַר אַ סימן מחמת „דגים" — איז אין דער גמטריה פון „דגן".

י״ד. דער צדיק ר׳ מאיר׳ל פון פרעמישליאַן פלעגט אינדערוואָכן עסן פיש נאָר ביז מיטוואָך. פון מיטוואָך אָן פלעגט ער קיין פיש ניט עסן, כדי ער זאָל שבת האָבן אַפּעטיט צו עסן פיש.

ט״ו. פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן אינדערוואָכן אינגאַנצן קיין פיש ניט גע־געסן: „ס׳איז אַ גרויסע מצוה צו קויפן פיש לכבוד שבת פאַר אַלע דריי סעודות, בפרט צו שלש־סעודות. און כ׳האָב געזען, אַז אין דער וואָכן דאַרף מען כלל קיין פיש ניט עסן. דער טעם דערפאַר איז: די וואָך האָט ניט דעם כוח אַרויסצובריינגען די ניצוצות, אַלץ איז בלויז אין זכות פון שבת״.

ט״ז. אַנדערע האָבן מקפיד געווען צו זוכן גרויסע פיש, ווייל „פיש איז אַ רמז אויף די העכסטע עולמות, אויף יענער אַפּענער אויג וואָס דרעמלט ניט און שלאָפט ניט. ווי ס׳שטייט געשריבן: עס דרעמלט ניט און שלאָפט ניט דער היטער פון ישראל.״

י״ז. און אַנדערע האָבן פאַרגעצויגן די קלענערע מינים פיש. „אויב אַ מענטש קען קריגן פיש, צוזאַמען מיט די פליישיקע געריכטן, סיי גרע־סערע סיי קלענערע, איז דאָס זיין עונג־שבת, און אַלץ לויטן מענטשן און לויט זיינע כוונות, צי מער, צי ווייניקער, — דער מענטש זאָל נאָר מכוון זיין זיין האַרץ צום הימל.

י״ח. ר׳ ישראל בעל־שם־טוב פלעגט זאָגן: פון הימל האָט מען מיר געגעבן די ברירה צו וואוינען אין נעמיראָוו, אָדער מעזבוזש... און איך האָב אויסגעקליבן מעזבוזש, וואו ס׳זיינען פאַראַנען פיש און מ׳קריגט זיי לייכט לכבוד־שבת.

י״ט. דער טעם פון עסן פיש לכבוד שבת: אין מעשה־בראשית געפינען מיר אַ ברכה אין דריי זאַכן, און זיי קומען אין דריי טעג, וואָס גייען איינער נאָכן אַנדערן: אין פינפטן טאָג אַ ברכה אויף די פישן, אין זעקסטן טאָג אַ ברכה אויפן מענטשן און אויפן זיבעטן טאָג אַ ברכה אויפן שבת. און דער סימן דערפאַר איז „בנאות־ד׳ש׳א׳״, די ראשי־תיבות פון דגים, שבת, אדם. דער וואָס עסט פיש לכבוד שבת, ווערט געבענטשט מיט דער דרייפאַכער ברכה, וואָס קען ניט גיך זיך איבעררייסן.

(דער רבי צבי אלימלך פון דינאָוו)

כ׳. פיש — זייער חיות איז פון וואַסער, און דאָס חיות פון אידן איז אין דער תורה, וואָס איז געגליכן צו וואַסער. און אַזוי ווי פיש, וואָס הגם זיי לעבן תמיד אין וואַסער, עפענען דאָך די מיילער צו יעדן טראָפּן רעגנוואַסער, ווי זיי וואָלטן קיינמאָל קיין טראָפּן וואַסער ניט פאַרזוכט, אַזוי זיינען אויך אידן: הגם זיי לעבן אין דער תורה אַ גאַנצע וואָך —

פונדעסטוועגן, ווען מ׳זאָגט פאַר זיי שבת תורה בייגן זיי צו די אויערן צו הערן. און ס׳איז ידוע, אַז דער שבת׳דיקער טאָג איז מסוגל פאַר חידושי־תורה.

כ״א. אין מיטלאַלטער און אין אַ צייט שפּעטער האָט מען אַ סך מאָל גוזר געווען אויף אידן, אַז זיי טאָרן ניט קויפן קיין פיש. דער גלח גרעגואַר, איינער פון די הויפּט־קעמפער פאַר אידישער גלייכבאַרעכטיקונג אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דערציילט אין זיין בוך Essai sur la Regeneration פון אַ גזירה, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף אידן פון מעץ, (1698) ניט צו קויפן און ניט צו פאַרקויפן קיין פיש. ער פרעגט, וואָס איז געווען דער טעם פאַר דער דאָזיקער גזירה? און ער ענטפערט, זיך שטיצנדיק אויף מאָנטעסקיע׳ס רייד, אַז „פיש גיט דעם מענטשן אַ סך זרע, און די רעגירונג פון מעץ האָט אויף אידן אַרויסגעגעבן די דאָזיקע גזירה צוליב דעם טעם פון „טאָמער וועלן זיי זיך פאַרמערן?״

כ״ב. אַזוי ווי מיטן עסן פיש — אַזוי איז אויך געווען דאָס טרינקען בשעת׳ן עסן אַ ענין מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען. דער גאון רב שרירא זאָגט: אַזוי האָבן אונדזערע רביים געלערנט: אַ טאָפּ וואַסער און ניט קיין טאָפּ וויין, אָבער די „פּסקי־תוספות״ האָבן גע׳אסר׳ט צו טרינקען וואַסער ביים עסן פיש, צוליב האַרץ־קלעמעניש. די חסידים מאַכן אַ פּשרה: „ביי פיש איז מען זיך נוהג צו טרינקען אַ גלעזל בראַנפן פריער און אַ גלעזל בראַנפן דערנאָך״.

כ״ג. אין אַ סך פּלעצער זיינען די חשובע באַלעבאַטים זיך נוהג אַליין צו קויפן זייערע פיש, וואָס אַזוינס שטייט זיי ניט אָן צו טאָן דורך די אַנדערע טעג.

כ״ד. דער רש״ל האָט באַקעמפט יענע וואָס עסן פיש אין דער ערשטער שבת׳דיקער סעודה, פרייטיק־צו־נאַכטס, ווייל דורך דעם איז מען מזלזל די סעודה פון שבת אינדערפרי. (ים של שלמה, גטין) אויך האָט ער אויף זיך אַליין עדות געזאָגט, אַז ער היט זיך אָפּ פרייטיק־צו־נאַכט, ניט צו עסן קיין פיש, ווייל אַזאַ חשובע סעודה עסט ער בלויז בייטאָג. נאָר זיין דעה איז ניט אָנגענומען געוואָרן און מ׳איז זיך נוהג צו עסן פיש אויך פרייטיק־צו־נאַכט.

(בערלינער, דאָס לעבן פון די אידן אין מיטלאַלטער)

כ״ה. שבת נאָכמיטאָג פלעגט מען על־פּי־רוב גיין שפּאַצירן ביים טייך, אָדער ביים ברעג ים, צוצוקוקן ווי די פיש שפּילן זיך, ווען מ׳וואַרפט זיי שטיקלעך ברויט — זיי פלעגן הנאה האָבן זען, ווי די פיש שווימען אַרויס אויפן וואַסער צו כאַפּן די ברעקלעך. אויך ר״י איסערלין דערציילט, אַז ווען

ער האָט פאַרנומען אַ שטעלע פון רבנות — פלעגט ער אין דער באַגלייטונג פון די ראשי־הקהל אַרויסגיין אויפן ברעג טייך שפּאַצירן.

(דאָרטן)

## ב.

## קוגל

און איך געדענק, אַז אין מאַרפּורג פלעגט דער גרעסטער טייל פון דער קהילה קאָכן אַ קוגל, וואָס מ׳רופט אין עסטרייך אַ „ברייטלינג", פרייטיק אינדערפרי, ווינטערצייט, כאור. און אַזוי האָב איך געפונען אין „אורח חיים", מיט דעם לשון: ער פלעגט אויפשטיין פרייטיק אינדערפרי און עסן ברייטלינג (פלאָדן) און ער אַליין (דער גאון, דער בעל „תרומת הדשן", ר׳ י׳ איסערלין) פלעגט פרייטיק עסן אַ ווייס געפילעכץ וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר שבת, און אַ קליין שטיקל פיש וואָס ער האָט איינגעקויפט אויף שבת.

(פון ספר „לקט־יושר" פון רב יוסף בר׳ משה, בערלין)

דער קריסטלעכער מלומד אדאם רודאָלף געאָרג מאַטיאַ בייזערט זיך אויף די אידן, וואָס טרייבן איבער דעם ווערט פון עסן שבת קוגל (קוגל אָדער, ווי מאַנכע רופן עס „קוכל"). די עלטערן, אַזוי זאָגט ער אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן שבת (נירנבערג, 1751) פרייען זיך מיט דעם וואָס די קינדער עסן אַ סך קוגל און זיי האָבן אויף דעם אַ שפּריכוואָרט: „געלאָבט זיי גאָט, דאָס דו גערנע קוכל איסעסט, דו בלייבסט געוויס איין יודע".

(זע: יעלינעק, דער אידישער שטאַם)

## ג.

## אַ מעשה מיט אַ קוגל

די קוגל־קוכנס פון פרייטיק אין דער נאַכט פון מנהג־אשכנז — איז אַ פיינער און אַ שיינער מנהג. עס שטעקט אין אים דער כבוד־שבת פאַר גרויס און קליין. און כ׳האָב געהערט, אַז אַמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז דורכן אויבנדערמאַנטן קוכן איז געשען אַ נס מיט אַ אידיש אינגל, און איז ניט געפאַנגען געוואָרן צווישן גויים. איינמאָל איז אַ אידיש קינד געפונען געוואָרן און די גויים האָבן אים אַוועקגעפירט אין אַ פּלאַץ וואו ס׳וואוינען אידן. פרייטיק אויף דער נאַכט אין דער אַכסניה וואו דאָס קינד און זיינע כאַפּערס האָבן זיך געפונען, איז זיך דאָס קינד פאַרגאַנגען אין אַ ביטער געוויין נאָכן עסן, ער האָט געוואָלט אַ חלק פון דעם אויבנדערמאַנטן קוכן און די כאַפּערס האָבן אים ניט געקענט איינשטילן ביז מ׳האָט אים אַוועקגעפירט צו אידן — און די אידן האָבן אים אויסגעלעזט. דעריבער דאַרף מען זיין מיט דעם זייער אָפּגעהיט.

(פון „יוסף אומץ")

## ד.

## דער מלאך-ממונה איבער די שבת-מאכלים

דער מלאך ממונה איבער די שבת׳דיקע מאכלים — איז קודש. און דער מלאך פון וואָכעדיקע עסנס — איז חול. און ווען אַ מענטש האָט תענוג פון שבת דורך עסן און טרינקען — ווערט ער נתעלה דורכן הייליקן מלאך, וואָס איז ממונה איבערן עסן, און דאָ שטעקט דער סוד פון „בקרבך קדוש".

(הרב אברהם כהנא)

## 2.

## בלומען און בשמים לכבוד שבת

א. מ׳פלעגט זיך נוהג זיין צו באַפּוצן דעם שבת׳דיקן טיש מיט בלומען, מיט רויזן: די דאָזיקע רויז איז צוגעפּאַסט פאַר שבתים און יום־טובים (שיר־השירים רבה) אָדער מיט מירטן: „בינטלעך מיט מירטן צו שמעקן לכבוד־שבת".

(רש״י שבת במה־מדליקין)

ב. שבת און יום־טוב „באַמיט זיך דער מענטש און פּילט אויס די הונדערט ברכות מיט שמעקן בשמים".

(רש״י מנחות מ״ג)

ג. ר׳ חייא בר אבא דערציילט: איינמאָל בין איך אַ שבת איינגע־שטאַנען ביי אַ באַלעבאָס אין לודקיא, האָט מען געבראַכט פאַר אים אַ טיש און אויף אים זיינען געווען כל המינים עסנס און כל המינים בשמים.

(שבת קי״ט, א׳)

ד. און מען מוז טראָגן ריטלעך פון בשמים, פון זיי צו שמעקן.

(ביצה ל״ג, ב׳)

ה. ביי די ספרדים איז מען זיך ביז היינט נוהג, צו דערלאַנגען יעדן איינציקן מענטשן, ווען ער גייט אַרויס פון שול, שמעקעדיקע בלומען.

ו. דער דאָזיקער מנהג איז אויך אין דייטשלאַנד געווען איינגעפירט אין אַכצנטן יאָרהונדערט, נאָר ס׳זיינען געווען רבנים וואָס האָבן זיך געווערט אַנטקעגן דעם: „און דער נייער מנהג צו מאַכן אַ ריח אין שול מיטן אָנקומען פון שבת — געפעלט מיר ניט, מחמת דעם טעם פון „לפני עור לא תתן מכשול" אין ביטול־ברכה, ווייל מען איז מחוייב צו מאַכן „בורא מיני בשמים", ווייל דער ריח ווערט געמאַכט פון „נעגעלעך וואָס ברענגט אַרויס אַ רויך."

(ר׳ יוזפא האן)

ז. ס'איז אַ מנהג, אַז דער גבאי פון שול לייגט שבת אַוועק אַ פושקע שמעק־טאַבאַק אויפן שולחן — און ווער עס וויל, קומט און נעמט לכבוד שבת.

ח. דער ריח פון שבת האָט זיך אויך געלאָזט שפירן פון די בגדים. זיי פלעגן זיך נוהג זיין צו פאַרפומירן די קליידער לכבוד שבת. „ווײַרעך און כל המיני בשמים ווערט אָנגעשאָטן אויף אַ פייער און מ'ציט אָן דערמיט די קליידער, כדי זיי זאָלן שמעקן.“ (רש״י).

ט. און דער דאָזיקער מנהג האָט זיך איבערהויפּט פאַרשפּרייט אין טבריה (ערב־שבת) און אין ציפּורי (מוצאי־שבת) ביז זיי האָבן באַדאַרפט מאַכן דערפון אַ הלכה למעשה. „דער וואָס גייט ערב־שבת אין טבריה און מוצאי־שבת אין ציפּורי און ער דערשמעקט אַ ריח פון בשמים — מאַכט אויף דעם קיין ברכה ניט, ווייל דער ריח קומט ניט פון קיין אַנדער זאַך, ווי כדי אָנצוציען דערמיט די קליידער“.

(ברכות נ״ג, א׳)

י. די דאָזיקע חושים, (פון זען און הערן) מיט וועלכע די נשמה־יתירה איז אָנגעזאָפּט ווערן אַלץ שוואַכער און שוואַכער ווען די נשמה־יתירה האָלט אונדז אין פאַרלאָזן שבת־צו־נאַכט און דעריבער שמעקן מיר פאַרן חוש־הריח און מיר מאַכן די ברכה פון „מאורי האש“ פאַרן חוש הראיה.

(ר׳ שלמה הלוי)

יא. שבת־צו־נאַכט גייט די נשמה־יתירה אַוועק און דער מענטש איז אומעטיק — דעריבער איז גוט דאָס שמעקן צו דערפרייען די אומעטיקע נשמה, ווען דער מענטש גייט אַרויס פון מנוחה אין די שווערע טעג פון מי און דאגות. און מען מאַכט ניט קיין ברכה אויף בשמים — נייערט שבת־צו־נאַכט אויב אינדערוואָכן און ניט צווישן שבת און יום־טוב, ווייל דאָס אַרייַנקומען פון דער נשמה אין יום־טוב איז אויפן פלאַץ פון בשמים, מחמת די נשמה פרייט זיך און האָט הנאה.

(כל־בו, די דינים פון תפילה)

.3

## טענץ אום שבת

אונדזערע אָבות האָבן אונדז דערציילט, אַז ס'איז געווען אַן אַלטער מנהג אין מאָלדאַוויע: אַז שבת נאָכמיטיק פלעגן בחורים און מיידלעך זיך צונויפקלייבן אַרום דער גרויסער שול און געגאַנגען טאַנצן. אָבער ווען די זאַך איז געקומען צו אויסגעלאַסנקייט — האָט ר׳ אברהם יהושע העשל פון אַפּטע (ווען ער איז געווען רב אין יאַסי) און ר׳ חיים טשערנאָוויצער (ווען ער איז געווען רב אין באָטושאַן) דעם דאָזיקן מנהג מבטל געווען. און דאָס

פאַלק האָט זיך ביטער באַקלאָגט: „די צוויי רביים האָבן אונדזערע שמחות פאַרשטערט".

אַזעלכע טענץ זײַנען אויך, ווי ס'זעט אויס, געווען אײַנגעפירט אין אַנדערע ערטער. אין עלזאַס האָבן די פּרנסים: ר' אהרן פון מוטשני, לימא נעטער פון ראָסהיים און הערץ פון עדעלסהיים אַרויסגעגעבן אַ גזירה אויף דעם דאָזיקן מין טענץ און האָבן געשריען אויף דעם: „ממש יעדן שבת און יום־טוב טענץ, ס'איז דאָ אין דעם ניט נאָר אַ חילול שבת ויום־טוב, זאָנ־דערן אויך פּריצות".

(„אידן אין שטראַסבורג", פון איזידאָר לעב, 1883)

.4

## בענטשן די קינדער

דורכן טאָג פון שבת פלעגט די גאַנצע משפחה זיך פאַרזאַמלען אַרום פאָטער מיט ליבשאַפט און ברכה. נאָר אַט איז נאָך אַ פּראַכטפול בילד מיט שלום און שלוה און גאָטס גענאָד, ווי אין די געצעלטן פון אונדזערע הייליקע אָבות אין די אוראַלטע צײַטן. אין שול וואָס איז באַלויכטן מיט אַלע לאָמפּן און ליכט, ווען דער חזן ענדיקט מאַכן קידוש איבערן ווײַן, פלעגט דער שמש געבן אַלע קינדער פאַרזוכן פון כוס של ברכה. נאָכדעם פלעגן זיי צוגעפירט ווערן צום רב און ער פלעגט פאַרשפּרייטן איבער זיי זײַנע הענט און זיי בענטשן. און אַזוי איז דער מנהג ביז היינט אין אַ סך קהילות פון דײַטשלאַנד און עלזאַס. דאַן פלעגט איטלעך קינד צוגיין צו זײַן פאָטער און ער פלעגט אים באַזונדערס בענטשן.

(גידעמאַן, „התורה והחיים")

ס'איז אַ מנהג בײַ אידן צו בענטשן די קינדער אויף דער נאַכט פון שבת, (סײַ די טאַטעס און סײַ די רבנים) נאָכן דאַווענען, אָדער באַלד ווי מען קומט אַרײַן אין הויז, ווײַל דאַן רוט די שפע, און ס'איז ווערט זי אַרויפ־צוציען אויף די קינדער, ווײַל זיי זײַנען ניט אַליין בכוח צו באַקומען די דאָזיקע שפע מיט זייערע אייגענע מעשים, אָבער דורך אַ דערוואַקסענעם פאַרמיטלער גייט די שפע אַרונטער און פאַרשפּרייט זיך איבער די קליינע, וואָס ווייסן ניט פון קיין חטא. אָבער אַפילו די גרויסע קינדער זײַנען מקבל אַ ברכה פון זייערע עלטערן און ס'איז רעכט אַזוי. מ'לייגט אַוועק בײדע הענט אויפן קאָפּ, ווי מיר געפינען בײַ אַלע וואָס האָבן געבענטשט, ווי משה רבינו האָט זיך נוהג געווען מיט אַ גוט אויג, אַזוי דאַרף דער וואָס בענטש תמיד טאָן, ווײַל דער וואָס האָט אַ גוט אויג דאַרף געבן זײַן ברכה — און דאָס אייגענע די כוהנים אין שול מיט בײדע הענט, און ניט ווי יענע חסרי־דעה,

וואָס מיינען, אַז מ׳דאַרף מקפיד זיין צו בענטשן מיט איין האַנט. און די בענטשער זאָגן: „גאָט זאָל דיך מאַכן ווי אפרים און ווי מנשה!״ און יעדער איינער קען מוסיף זיין פון דאָס זייניקע, ווי ער פילט און קען זיך אויסדריקן.

(סדור ר׳ יעקב עמדין)

אַנדערע זיינען זיך נוהג צו בענטשן אַ חתונה־געהאַטן מיט ביידע הענט און אַ ניט־חתונה־געהאַטן מיט איין האַנט.

(„פחד־יצחק״)

.5

## קורדיסטאַנער אידן

די קורדיסטאַנער אידן פייערן איינמאָל אין יאָר אַ ספּעציעלע חגיגה אין שבת ויקרא, וואָס ווערט אָנגערופן אויף זייער לשון „שבתית דילונכי״, ס׳הייסט, דער שבת פון קינדער. די הכנות פאַרן דאָזיקן שבת הייבן זיך אָן מיט אַ וואָך פריער. דער מלמד חזר׳ט איין מיט די קליינע קינדער די ברכות צו דער תורה, און די אַביסל גרעסערע קינדער גרייטן זיך צו צו לייענען אין דער תורה אייניקע פסוקים. די מיטעלע קינדער לערנען זיך אויס צו לייענען די דריי פסוקים: ד׳ ה׳ ו׳ פון ויקרא ב׳, ווייל די נגינה דאָרטן איז לייכט. די הכנות אין די הייזער זיינען אויך געווען זייער גרויס. מ׳קויפט פאַר די קינדער נייע בגדים, לויט ווי איינער קען זיך לאָזן קאָסטן און מען פוצט זיי אויס. די קינדער קוקן אויס די אויגן אויפן דאָזיקן שבת און אויף דער נאַכט פון שבת איז ביי זיי אַ גרויסע שמחה. אינדערפרי קומען זיי זיך אַלע צונויף אין שול. אין זאַכי, וואו ס׳זיינען פאַראַן צוויי גרויסע שולן — דאַווענען די קינדער פאַר זיך אין דער צווייטער שול. יעדער מלמד מיט זיינע תלמידים זיצט אויף אַ באַזונדערן פּלאַץ. אויב ס׳איז פאַראַן אַ אינגל, וואָס איז פעאיק צו דאַווענען פאַרן עמוד — דאַוונט ער אין יענעם שבת, אויב ניט — דאַוונט איינער פון די מלמדים. נאָכן דאַווענען לויפן די קינדער צו זיך אַהיים, מ׳עסט אַ לייכטע סעודה, נאָכדעם גיט מען זיי מיט אַ טעלער מיט עסן און טרינקען: אַ געבראָטענע הון, פיש, אייער און פרוכטן. אויך גיט מען יעדן קינד מיט אַ פלעשל בראַנפן. דאָס אַלץ נעמט דאָס קינד מיט ביים מלמד אין הויז. מ׳מאַכט אַ קינדער יום־טוב, מ׳זינגט לידער, פאַרפאַסט צום דאָזיקן טאָג. צוויי אַזעלכע שירים אויף דער פרשה ויקרא געפינען זיך אין דער זאַמלונג פון „שירי־זמרה״ פון ברוך שמואל מזרחי, וואָס אַ מלמד פון שטאָט זאַכו, החכם החסיד ר׳ משה יצחק ז״ל, האָט זיי מחבר געווען.

(ד״ר יוסף ריבלין)

## .6
# אורחים אויף שבת

יעדער איינציקער ירא־שמים זאָל פּרייטיק־צו־נאַכט זיך ניט זעצן עסן ביז ער וועט געבן אָדער שיקן אַ חלק פון זיינע בעסטע מאכלים צו אַ אידן אַן אָרעמאַן. און איך האָב געשריבן אין צווייטן חלק פון מיין ספר, אַז ס׳ווענדט זיך ווער דער אָרעמאַן איז: פאַראַן אַן אָרעמאַן, וואָס שעמט זיך צוצונעמען אַ געקאָכט חלק, אָבער, שעמט זיך ניט צו נעמען געלט, און אויף אַזוינעם, ווערט געזאָגט: „אַשרי משכיל אל דל״. און דער וואָס האָט אַ ישיבה־בחור, אָדער אַן אָרעמען יתום ביי זיין טיש — איז חשובער פון אַלעמען.

(„יוסף אומץ״)

הכנסת־אורחים — איז וויכטיק ווי הכנסת־שבת.

(„ספר המדות״ פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער)

„מהר״י איסערלין פלעגט צונויפנעמען אַלע זיינע ישיבה־בחורים יעדן שבת ביי זיין טיש״.

(„לקט־יושר״)

די גבאים פלעגן שיקן צעטעלעך צו די באַלעבאַטים, איינצובעטן אָרעמע אורחים צום עסן. די דאָזיקע צעטלעך ווערן אָנגערופן „פלעטן״.

אין גראָדנער גרויסער שול איז געהאָנגען אויף אַ זייל פון דער בימה אַ הילצערנער שוואַרצער טאָוול גע׳כתיבה׳ט מיט ווייס פאַרב: „דער וויל ניט נעמען קיין פלעט אויף שבת״. אַזוי האָט מען מפרסם געווען לגבאי יעדן קאָרגן מענטשן, וואָס האָט ניט געוואָלט צונעמען דעם פלעט פאַר אַן אָרעמען אורח לכבוד שבת.

(גידעמאַן, התורה והחיים, חלק ג׳)

אויב גאָט־ברוך־הוא האָט איינעם מזכה געווען צו האָבן אַ סך געריכטן און גוטע זאַכן צום עסן — זאָל ער זען איינצובעטן אָנשטענדיקע אָרעמעלייט ביי זיין טיש: הגם ס׳איז אַ גרויסע מצוה, אַז אַ מענטש זאָל זיך אַליין און זיין נשמה־יתירה אָנטאָן תענוג און עס קומט אים קיין עונש ניט, אויב ער גיט ניט דערפון צו עניים ואביונים, איז פונדעסטוועגן ניטאָ קיין גרעסערע שמחה און הנאה ווי צו האָבן אָרום טיש מיטעסער. וואָרום איז יענעם, וואָס איז זוכה צו געבן אָרעמע מענטשן עסן, זיי דערקוויקן און אויפמונטערן צע־בראָכענע הערצער און זיי דערפרייען מיט גוטע עסנס און מיט פיינע גוטע טרייסטווערטער.

ווער בעט ביי אייך אָפּגעבן דעם שבת כבוד מיט אַ בויך וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט תענוגי־חול, און איר פאַרשוועכט מיין הייליקן נאָמען, ניט

אכטונג צו געבן אויף אומגליקלעכע ארעמעלייט.־און קיינער פון אייך העלפט זיי ניט און שטיצט זיי ניט און איר טוט נאך ערגער דורך גאטס שבתים, ווען די גאנצע וועלט איז זאט און פעט און די קינדער פון די באליבטע אבות זיינען אין צער, אאז״וו. ווען זיי וואלטן חס־ושלום זען א ספר־תורה אויף דער ערד, וואלטן זיי געשריען א גרויס ביטער געשריי, זיי וואלטן גערופן צו טרויער און קלאג פאר אלע אידן. טא פארוואס זאלן זיי ניט אויפציטערן אויף יענע אידן, וואס זיינען געבעך זאט מיט שאנד, און זיינען נאקעט און בארוועס, און דורכדעם ווערט זייער חכמה בזויה׳דיק און זייערע רייד ווערן ניט אויסגעהערט? דעריבער איז מען זיך נוהג אין א סך פלעצער צו מאנען א חלק פון יעדן הויז פון די געקעכטסן וואס ווערן דארט צוגעגרייט. און דער וואס גיט ניט קיין געקעכטס — גיט ברויט צו פארטיילן צו די ארעמעלייט, און אויב ער גיט קיין ברויט ניט -- גיט ער געלט... נאר פון גרעסערער מעלה זיינען יענע וואס פארבעטן ארעמעלייט צו זייער טיש פאר אלע דריי סעודות, בפרט, צו שטיצן די לערנער פון תורה שבת אין שבת.

און ער זאל געבן פון זיין שבת׳דיקן עסן צו ארעמעלייט, מער צי וויי־ניקער, ווייל דאס איז דער עיקר תענוג און שמחה צו דערפרייען ארעמע אומגליקלעכע מענטשן — און זיין אכילה זאל ניט זיין בלויז זיך אליין אנצו־פאקן דעם בויך. דער צדיק עסט צו זאט און ער גיט אויך א חלק צו די פארביטערטע און געפלאגטע מענטשן, כדי אלע זאלן זיך פרייען אין דאזיקן הייליקן טאג.

(עניני שבת, סדר היום)

דער וואס גיט הונגעריקע עסן ביי זיין טיש (שבת) איז דאס א דוגמא פון די קרבנות פון מזבח, און מ׳דארף אים געבן מיט שמחה און נחת־רוח. און בפרט ווען ער באטראכט זיך, ווי דער ארעמאן האט צער און דחקות די גאנצע וואך. על־כל־פנים, זאל ער שבת אים דערקוויקן מיט גוטע עסנס און מיט א פריינטלעך פנים, און פון בעסטן און שענסטן זאל ער אים געבן, צו באווייזן, אז ער טוט די מצוה פון גרויס ליבשאפט און מיטן גאנצן הארצן. און דורך דעם, וועט זיין טיש אויף אים מכפר זיין, ווי די חכמים ז״ל האבן געזאגט. אבער אויב ער גיט אים עסן, מחמת דעם, וואס ער האט קיין אנדער ברירה ניט און ער באווייזט ניט קיין פריינטלעך פנים, גייט ער, חס ושלום, אריין אין גדר פון א צר־עין, און ער גיט אים פון די ביליקסטע עסנס און ער ווארט נאר, ווען וועט שוין דער אורח אוועק פון טיש, ווייל ס׳גייט אים ניט איין דאס עסן, ווען דער אורח זיצט אנטקעגן אים און ער באטראכט די דאזיקע מצוה פאר א שווערע משא... דאס איז א דוגמא פון קין, וואס האט געבראכט א קרבן פון ערגסטן און דעריבער שטייט: „און צו קין און זיין מתנה האט ער זיך ניט געווענדט״.

.7

# די כלה שבת

„איך שטיי צווישן גאָט און צווישן אייך (דברים ה׳ ה׳) ווי אַ מענטש וואָס נעמט אַ כוס פון קדושין בין איך געווען ביי אים אין האַנט. און דער שבת מאַכט זיי הייליק, ווייל ס׳שטייט געשריבן: „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און אים געהייליקט״. (בראשית ב׳ ג׳) דאָס קומט אונדז צו לערנען, אַז דער שבת האָט מקדש געווען דעם השם יתברך. ווי מיר זאָגן: „מזמור שיר ליום השבת״ — און די שכינה איז ווי אַ געקרוינטער חתן און די כנסת־ישראל ווי אַ כלה, און די תורה ווי די כתובה, און די שרפים און מלאכים שטייען ווי דאָס פאָלק ביים טויער אין דער צייט פון חופה, און די זקנים — זיינען ווי עדות.

(מדרש־השכם)

ר׳ ינאי פלעגט זיך איינוויקלען, זיך אויפשטעלן און זאָגן: קום כלה, קום כלה!

(בבא קמא, ל״ב, ב׳)

קום, כלה, צו דער חופה, קום, כלה, צו דיין מאַן אין הויז, ווייל שבת גופא איז די פרוי פון ישראל, אָבער ערב־שבת — איז דאָס ווי מען פירט די כלה אונטער דער חופה, און אַזוי ווי דורך קדושין, דורכדעם וואָס זי גייט אַרונטער אונטער דער חופה — ווערט די כלה זיין פרוי, אַזוי איז מיט דער מלכה שבת, ווען זי הערט דעם קידוש פון טאָג — ווערט זי גענומען פון ישראל.

(מהרש״א)

„שבת־כלה״ — דאָס איז דער שבת פאַר שבועות, און ווערט אָנגערופן אַזוי, ווייל די תורה איז אין דער בחינה פון אַ כלה. און ס׳איז אַ מנהג אין די שטעט פון מערב אין די טעג פון שבועות ביים אויסנעמען די ספר־תורה צו לייענען אַ נוסח פון אַ חתונה־כתובה, ווי די תורה וואָלט חתונה געהאַט מיטן פאָלק ישראל.

(„כתר שם טוב״ להרב ר׳ שם־טוב גאַגין)

.8

# מנהגים מיט חתנים שבת אין שול

דער מנהג פון די ספרדים אין אַלזשיר מיט חתנים איז אַזוי: שבת אינדערפרי קומט דער חתן אין שול אַריין באַגלייט פון אונטערפירער און דער שמש וואַרפט אים אויפן הוט אַש (אַ זכר לחורבן) ווען ער איז עולה־

לתורה — וואַרפן דער חתן און זיינע אונטערפירער צוקערלעך און די קינדער קלייבן זיי אויף. נאָך דער עליה, זאָגט דער פייטן, אָדער דער חזן די פסוקים פון „אברהם זקן".

(„כתר שם־טוב")

שבת פאַר דער חתונה — פלעגט דער חתן עולה־לתורה זיין און די ווייבער פלעגן וואַרפן אויף זיין קאָפּ (פון ווייבערשער שול) ראָזשינקעס מיט מאַנדלען. אַזוי איז דער מנהג אין מזרח־אייראָפּע. דער חזן זינגט לכבוד דעם חתן, ווען ער איז עולה־לתורה, אַ ספּעציעלן זמר. און די ספרדים האָבן אויף דעם אַן אָנגענומען ווערטל: ווער ס'וויל זיך אויסקלייבן אַ ווייב — זאָל ער זי אויסקלייבן אין טאָג פון שבת.

(זע: יעלינעק, „דער אידישע שטאַם")

## .9

## שבת־צו־נאַכט

„מיר געפינען אין די סידורים: פאַראַן איין אבר אין אַ מענטשן מיטן נאָמען „נסכוי", וואָס האָט קיין הנאה ניט פון עסן, ווי בלויז אין שבת־צו־נאַכט". און מיר זעט אויס, אַז דאָס איז דאָס באַקאַנטעביינדל, וואָס ווערט אָנגערופן „לוז", וואָס איז דער עיקר און דער שורש, און וואָס פון אים ווערט דער מענטש, און ווען דער מענטש שטאַרבט, ווערט דאָס דאָזיקע ביינדל ניט צעריבן און ניט צעפוילט... און בשעת תחית־המתים, וועט דאָס דאָזיקע ביינדל זיך אָנציען מיטן טוי פון אויפלעבונג און פון אים וועלן זיך אָנציען אַלע אברים און אַלע אָדערן און וועלן מגולגל ווערן קיין ארץ־ישראל, און דאָרט וועלן זיי באַקומען זייער גייסט אין ריינעם לאַנד. און כדי צו פאַרפלאַנצן אין האַרץ פון פאָלק די אמונה פון שכר ועונש און די אמונה אין תחית־המתים עסט מען שבת־צו־נאַכט ווייניק, כדי צו לערנען, אַז אַזוי ווי דאָס דאָזיקע ביינדל האָט פון עסן קיין הנאה ניט ביזן סוף וואָך, אַזוי אויך וועט דאָס דאָזיקע ביינדל האָבן הנאה און תענוג פון די תענוגים פון עולם־הבא, נאָכדעם, ווי ס'ענדיקן זיך דעם מענטשס יאָרן, וואָס זיינען זיבעציק יאָר... און דעריבער, דער וואָס היט אָפּ די דאָזיקע סעודה, און ער זעטיקט אָן דאָס דאָזיקע ביינדל וועט זוכה זיין, אַז זיין נשמה זאָל זיך זעטיקן מיט גרויס תענוגים וואָס זיינען באַהאַלטן פאַר די צדיקים, וואָס אויף זיי האָט דער משורר תפילה געטאָן: „וועסט מיך מאַכן וויסן דעם וועג פון לעבן, אַ זעטיקייט פון פריידן איז פאַר דיין פנים, תענוגים אין דיין רעכטער האַנט אייביק".

(„מטה משה")

דעריבער זאָגט מען „גאָט פון אברהם“ אין אַ לשון־חול, ווייל שבת, צוליב דער קדושה פון טאָג, איז ניט פּאַסיק צו ריידן דברי־חול און שבת־צו־נאַכט איז מותר. און ווי קומט מען אַרויס פון איין זאַך צו זיין היפּוך ? מ׳זאָגט די דאָזיקע תפילה, וואָס איר חיצוניות איז וואָכעדיק און איר תוך איז הייליק.

(ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער)

די ווייבער זיינען זיך נוהג מוצאי־שבת, באַלד נאָכדעם, ווי זיי האָבן געהערט „ברכו“ צו שעפּן וואַסער, ווייל מיר געפינען אין דער אַגדה: מרים׳ס ברונים איז אין ים פון טבריה און יעדן שבת־צו־נאַכט קומט זי אין אַלע קוואַלן און אין אַלע ברונימער, און ווער ס׳איז אַ חולה און ס׳מאַכט זיך אים צו טרינקען וואַסער, אַפילו אויב ער איז אינגאַנצן אויסגעשלאָגן מיט קרעץ — ווערט ער באַלד אויסגעהיילט. ס׳איז געווען אַ מעשה מיט איינעם אַ מענטשן, אַ מוכה־שחין, וואָס זיין ווייב איז שבת־צו־נאַכט געגאַנגען שעפּן וואַסער און זיך פאַרזאַמלט אַביסל לענגער און זי האָט אָנגעטראָפן מרים׳ס ברונים און האָט אָנגעפילט איר קרוג מיטן דאָזיקן וואַסער. ווען זי איז צוריקגעקומען צו איר מאַן איז ער געווען אויף איר זייער אין כעס און מחמת זיין גרויסן כעס איז איר קרוג אַראָפּגעפאַלן פון איר פּלייצע און זיך צעבראָכן און אַ פּאָר טראָפּנס וואַסער האָבן זיך צעשפּריצט אויף זיין לייב, און וואו נאָר דאָס וואַסער איז געפאַלן אויף אים האָט זיך דאָס קרעץ אויס־געהיילט. דעריבער האָט מען זיך נוהג געווען יעדן שבת־צו־נאַכט צו שעפּן וואַסער.

(„כל־בו“, מוצאי שבת)

## 10.

# אַ צימער פון אַ רייכן אידן אין אַ שבת פון פופצנטן יאָרהונדערט

אַ פּראַכטיק בילד פון וואוינונג פון פּרנס שמואל בילאַסאַן פון רעגנס־בורג אין פופצנטן יאָרהונדערט, מאָלט פאַר אונדז דער היסטאָריקער אַנדילאַמוס דער סאַרינגער (ווערט געבראַכט אין ווערטהיימער׳ס יאָרבוך, 1856): פון־דרויסן זעט דאָס הויז אויס ווי אַ קופּע שוואַרצע שמוציקע שטיינער, פאַר־וואַקסן מיט מאָך, פון וועלכער ס׳זעען זיך גרויסע און קליינע פענצטער, פאַרמאַכט מיט אייזערנע לאָדנס. דאָס הויז האָט אַ לאַנגן קאָרידאָר, העכער אַכטציק פון די לענג, וואָס בלויז שבת ווערט זיין פינצטערניש באַלויכטן און פירט צו די פינצטערע טרעפּן, וואָס האַלטן זיך אין שאָקלען. פון דאָרטן טאַפּן מיר אינדערפינצטער ביז מיר קומען צו צו אַ טיר. אָבער ווען מיר עפענען די טיר — געפינען מיר זיך אין אַ פּראַכטיקן צימער אַ באַצירטן מיט בלומען. די ווענט זיינען קינסטלעריש געשניצט מיט בליטן און בלומען,

מיט טייערע טאפעטן. דער דאזיקער צימער איז געווען דער חדר צו דאווענען, דארט האט מען געפראוועט שבת מיט תפילה און תענוגים. טעפיכער האבן צוגעדעקט דעם ריינעם דיל און א ווייסער טישטוך האט צוגעדעקט דעם פיינעם טיש. פון באלקן איז אראפגעהאנגען א פינקלדיקע אכטעריקע מנורה אויף קופערנע קייטן — און באלויכטן דעם חדר. אויפן טיש זיינען געשטאנען זילבערנע בעכערס, די ארבעט פון א קינסטלער — און ארום טיש, שטולן מיט הויכע אנלענס באדעקט מיט סאמעט. אין א ווינקל פון חדר איז געשטאנען א זילבערנע האנטפאס אויף צו וואשן די הענט און טייערע לייוונטענע האנטעכער, א דעמבענער טיש באקראנצט מיט בלומען, טייערע עסנס און קרוגן וויין, א טייערע קושעט פון אריענטאלישן סטיל מיט זיידענע קישנס, א הויכער אלמער פול מיט גילדערנע צירונג און איידלשטיינער, זילבערנע כלים, אנטיקן פון גרויסן ווערט, האבן אנגעפילט דעם גאנצן חדר, וואס איז געווען הערלעך. אמת, ניט אלע הייזער זיינען געווען אזוי פראכטיק; אבער אפילו דער ארעמסטער איד האט זיך געמיט אפצוגעבן דעם שבת כבוד מיט וואס פאר פראכט און שיינקייט ער האט פארמאגט.

(בערלינער, דאס לעבן פון די אידן אין מיטלאלטער״)

# וויצן און גלייכווערטלעך

## א מיטל פאר דער מחלה פון יאוש

נעם די ווארצלען פון שבת, די עיקרים פון ליב און דאנק און די עיקרים פון שמחה און בטחון, נעם ארויס פון זיי די קערנדלעך פון טרויער און דאגה, און נעם די בליעכצן פון וויסן און פארשטאנד, און די ווארצלען פון ווארטן און זיך באנוגענען, און שטויס דאס אלץ אין שטייסל פון שפלות, און קאך דאס אלץ דורך אין דער כלי פון עניוות, און קנעט דאס אויס מיט דער זיסקייט פון ווארט, און באנעץ דאס מיט די וואסערן פון חן און חסד — און גיב דעם חולה וואס איז קראנק פון יאוש צוויי לעפעלעך יעדן פרימארגן און יעדן אוונט. מיט דריי לעפעלעך פון די וואסערן פון אויפקלערונג, און דו זאלסט אלצדינג רייניקן פון דעם פסולת פון כעס און אויפרעגונג, און דו זאלסט פארזיסן דאס אלץ מיטן תמצית פון געדולדיקייט צו זיין רצון, גע־בענטשט זאל ער ווערן, דער האר פון ליב און דאנק, און גיב אים דערפון טרינקען אין א כלי פון ליב צו גאט — און דער חולה וועט זיך בארואיקן און איינשטילן.

(פון רמב״ם׳ס הקדמה צום „ספר הנמצא״)

אין באָמביי, נאָכן שבת׳דיקן דאַווענען אין שול האָט זיך אויפגעשטעלט איינער אַ זקן און האָט אויסגערופן: היינט איז אַ „תענית־ציבור", ס׳מיינט, מ׳טאָר ניט ריידן פון וואָכעדיקע זאַכן, בלויז פון דברי־תורה.

(ש. אסף)

מ׳האָט געפרעגט אַ אידן, אַן אכל׳ער: פאַרוואָס האָט מען איינגעפירט צו זאָגן צו די מלאכי־השבת: „צאתכם לשלום" פאַרן עסן? האָט דער אכל׳ער געענטפערט: דאָס איז דערפאַר, ווייל בשעת׳ן עסן איז אַפילו אַ מלאך איבעריק.

(א. דרויאַנאָוו, „ספר־הבדיחה")

יעדע איינציקע חברה פון אַלע אידישע שטעט און שטעטלעך האָט זיך אירן אַ ספּעציעלן שבת, וואָס איז דער יום־טוב פון דער חברה. אין אַזאַ שבת געהערן אַלע כיבודים און עליות פון שול צו די מיטגלידער פון דער חברה און קיין זייטיקער האָט אין דעם קיין חלק ניט. די פּרשה „לך לך" געהערט צו דער שניידערשער חברה. איך האָב געוואוסט פון דעם, אָבער קיינמאָל ניט געוואוסט דעם טעם דערפאַר, וואָס עפּעס פּרשה „לך לך"? איך האָב מיך נאָכגעפרעגט ביי קלוגע מענטשן — און זיי האָבן אויך ניט געוואוסט. ביז גאָט־ברוך־הוא האָט מיך צונויפגעפירט מיט ר׳ ראובן מגיד פון שניידערשער שול און איך האָב אים אַ פרעג געטאָן: ילמדנו רבנו: „וואָס האָט דער ענין פון שמיטה צו טאָן מיטן הר־סיני און די פּרשה „לך־לך" מיט דער שניידערשער חברה? האָט ער מיר געענטפערט: מיין זון, ס׳איז אַ בפירושער פּסוק אין דער תורה: „קוק אַרויף צום הימל און ניי די שטערן." (אַ וואָרט־שפּיל: „ספור" — ציילן, און „תפור" — נייען).

(יהודה לייב גאָרדאָן)

„פאַרוואָס זאָגט מען שבת צוויי מאָל „תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם"? ווייל שבת איז אַ מענטש פריי פון אַרבעט און ער פאַרנעמט זיך מיט קהל׳שע געשעפטן און ער קען דורכדעם קומען צו אַ מחלוקה, דעריבער האָט מען צוויי מאָל אָנגעזאָגט ס׳זאָל זיין שלום.

(פון אונדזער אַלטן אוצר, יאושזאָן)

ר׳ יוסף בער, דער בריסקער רב, איז איינמאָל געווען אין וועג און געהאַלטן שבת אין אַן אַכסניה. פאַר „שלש־סעודות" איז ניט געווען קיין „לחם־משנה". דער רב האָט געהאַט דערפון גרויס צער. איינער פון די אורחים האָט דאָס באַמערקט — רופט ער זיך אָפּ: וואָס נעמט זיך דער רבי דערפון עגמת־נפש? אַ מענטש קען דאָך יוצא זיין די דריטע סעודה מיט תורה? האָט אים דער רב געענטפערט: „לחם־משנה ליגט פאַר דיר אויפן טיש און מ׳קען דערמיט מקיים זיין די מצוה. אָבער, אויב איך וועל

זאָגן תורה — קען קומען איינער אַ למדן און דאָס אָפּפרעגן, וועט ביי מיר ניט בלייבן ניט קיין „תורה“ און ניט קיין „שלש־סעודות“.

(פון אויבנדערמאָנטן בוך)

## פון איגנאַץ בערנשטיינס „אידישע שפּריכווערטער“

א. אַז דער שבת־קודש גייט אַהין, קומט די ליבע וואָך אַהער.

ב. אַז מען האָט ניט אויף שבת, האָט מען ניט אויף זונטיק.

ג. אַז מען עסט שבת טשאָלנט, איז מען ביז מיטוואָך זאַט.

ד. אַז מען פּאַרט אום שבת, זיצט מען אינדערוואָכן אין דער היים.

ה. אַז מען קלערט אום שבת צופיל, אַרבעט מען ווייניקער אינ־דערוואָכן.

ו. וואָס מען האַנדלט אום שבת, גייט אינדערוואָכן צוריק.

ז. מאַך שבת דערפון!

ח. שבת אָן אַ קוגל, איז ווי אַ פויגל אָן פליגל!

ט. שבת איבער דער גאַנצער וועלט!

י. שבת גערעדט — פיר וואָכן פריי!

יא. שבת האָט אַפילו דער רשע אין גיהנום אויך רו.

יב. „שבת“ לערנט ער — „מכות“ קען ער.

יג. שבת־שטעך האַלטן ניט.

יד. שבת־שירה, איז דאָס אייז גלייך ווי אַ ווירע.

טו. שבת־שירה וואַרפט מען די פייגעלעך קאַשע.

# אַכטער קאַפּיטל

# שמירת־שבת ביי די אומות העולם

## גויים שומרי־שבת

אין אַמאַליקע צייטן זיינען אידן געווען דאָס ערשטע פאָלק איינצוטיילן די צייט אין אַ זיבן־טעגיקע וואָך. דער לעצטער טאָג פון די זיבן איז געווען אַ טאָג פון רו, רו פון יעדער אַרבעט. אַלע אַנדערע פון די אַמאַליקע פעלקער האָבן ניט געוואוסט פון אַן אַלגעמיינעם טאָג פון רו, וואָס קומט רעגלמעסיק אין אַ באַשטימטער צייט. און ווען זיי זיינען דאָס ערשטע מאָל געקומען אין קאָנטאַקט מיט אידן, האָבן זיי באַטראַכט דאָס אָפּהיטן פון שבת, ווי אַ באַזונדערע אייגנאַרטיקע כאַראַקטעריסטיק פון אידישן פאָלק. דער רעליגיעזער צד, ווי אויך דער געזעלשאַפטלעך־מאָראַלישער צד פון דעם אידישן וועכנטלעכן טאָג פון רו האָט אויף די אַמאַליקע פעלקער געמאַכט אַ טיפן רושם. צו די דרשות, וואָס מ׳פלעגט שבת דרשנ׳ען אין די שולן פון די גריכישע לענדער — פלעגן קומען גאָר אַ סך ניט־אידן, און דעריבער פלעגט דער דרשן אָנהייבן זיינע רייד מיט דעם דאָזיקן איינגעשטעלטן נוסח: „מענטשן־אידן און גאָטספאַרכטיקע גריכן!“ אומגעפער מיט הונדערט יאָר פריער פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, איז שוין געווען פאַרשפרייט אין זייער אַ גרויסער מאָס, די צײלונג פון דער אידישער וואָך, צווישן די דעמאָלטדיקע פעלקער, און אינאיינעם מיט דער ציילונג פון וואָך, האָבן זיי על־פי־רוב איבערגענומען פון די אידן דאָס פאַרערן פון זיבעטן טאָג און זיין פאַרהייליקונג. לויט די רייד פון אַלעקסאַנדערישן פילאָ איז דער טאָג שבת „אַ יום־טוב ניט בלויז פאַר איין שטאָט, אָדער, איין פּראָווינץ — נייערט, פאַר דער גאַנצער וועלט“. אויך יאָזעפוס דערציילט: „ניטאָ קיין איינציקע גריכישע אָדער באַרבאַרישע שטאָט און ניטאָ קיין איינציק פאָלק, וואו דער מנהג פון זיבעטן טאָג איז ניט אַריינגעדרונגען, דעם טאָג אין וועלכן מיר רוען“. („אַנטקעגן אַפּיאָן“) דאָס אייגענע געפינען מיר אין די שריפטן פון די רוימישע שרייבער, אַז דאָס אָפּהיטן פון שבת האָט זיך פאַרשפרייט איבער דער וועלט אין אַ גרויסער מאָס. דער פּאָעט האָראַציוס (8—65 לויט דער קריסטלעכער צייטרעכענונג) דערציילט מיט ליצנות וועגן זיין גוטן פריינט פוסקוס אַריסטיוס, וואָס האָט אים געזאָגט, אַז ער פייערט דעם טאָג שבת, „ווי איינער פון פיל“.

דער פילאָזאָף און שטאַטסמאַן סענעקאַ (געשטאָרבן אין יאָר 65, לויט דער קריסטלעכער צייטרעכענונג) באַשימפּט דעם טאָג שבת מער פון אַלע

אַנדערע מצוות פון דער אידישער אמונה, ווייל דורך דעם פאַרלירט אַ מענטש אומזיסט און אומנישט אַ זיבנט־חלק פון זיין לעבן. און ער דריקט אויס זיין צער, „וואָס די מנהגים פון דער דאָזיקער פאַרפלוכטער אומה... האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער אַלע לענדער“, און דורכדעם זעט אויס, ווי די באַזיגטע וואָלטן געמאַכט געזעצן פאַר די זיגער. (דאָס ווערט געבראַכט אין אַווגוסטינוסעס בוך: (De Civitate Dei. אין זיינע בריוו ערגערט ער זיך אויף די רוימער, „די האַלבע אידן“, וואָס צינדן שבת־ליכט. דער סאַטיריקער פּערסיוס (34—63, קריסטלעכע צייטרעכענונג) לאַכט אָפּ מיט אַ שטעכיק געלעכטער וועגן די מנהגים פון שבת, ווי למשל, אָנצינדן רויכערדיקע אויל־לעמפּלעך, פון עסן פיש און טרינקען וויין. (סאַטירעס, 5, 179—184) אויך דער סאַטירישער פּאָעט יואווענאַל (אין אָנהייב פון צווייטן יאָרהונדערט) גרייפט אָן די פּאַראידישטע רוימער, וואָס „פאַרהייליקן שבת“ (סאַטירעס 14, 96—106). אַפילו אין די שריפטן פון דעם רוימישן היסטאָרקער טאַציטוס (אין אָנהייב פון צווייטן יאָרהונדערט) געפינען זיך האַרבע זידלווערטער אַנטקעגן שמירת־שבת. אויף דער פאַרשפּרייטונג פון שבת אין דער רוימישער וועלט אין דער תקופה פון די ערשטע צעזאַרס — זאָגט עדות דער דאָזיקער וואונדערלעכער צופאַל וואָס האָט פּאַסירט מיט צעזאַר טיבעריוס אין ראָדאָס. ער האָט געוואָלט באַזוכן איינעם אַ גראַמאַטיקער מיטן נאָמען דיאָגענעס, נאָר יענער האָט אים ניט געוואָלט אויפנעמען, ווייל ער פלעגט זיך נוהג זיין צו האַלטן עפנטלעכע פאַרטראָגן אין טאָג שבת; ווי ס׳זעט אויס, האָט ער זיך אַזוי געפירט לויטן שטייגער פון די אידישע חכמים אין די גריכישע לענדער, וואָס פלעגן דרשנ׳ען בציבור איבער תורה און נביאים שבת אין די שולן. (סועטיניוס) אין פּראָווינץ פון אַליאַסאַ אין מערב־קילקיאַ איז געווען אַ חברה פון שומרי־שבת. דער אַפּאָסטאָל פּאָולוס פלעגט שבת דעבאַטירן מיט די גריכישע פילאָזאָפן אין דער אידישער שול פון אַטענס. אַ קורצע צייט שפּעטער פלעגן גאָר אַ סך רוימער קומען אין שול אַריין הערן די דרשות. דער דאָזיקער מנהג האָט זיך אַזוי ווייט פאַרשפּרייט, אַז די איראָנישע פראַגע: „וואוהין פירן דיינע פיס, און אין וואָס פאַראַ שול וועל איך דיך טרעפן?“ (יואוועגאַל, סאַטירעס) איז געוואָרן אַ פאָלקסווערטל.

אויך אין די שריפטן פון די ערשטע פאָטערס פון קירך געפינען מיר איבערצייגנדיקע באַווייזן, אַז דער שבת איז זייער שטאַרק באַליבט געווען צווישן די גויים. אַזוי, למשל, שרייבט טעאָפילוס פון אַנטיאָך (אין צווייטן יאָרהונדערט): „אויך איבערן זיבעטן טאָג, וואָס אַ סך ווייסן זיין נאָמען, אָבער גאָר ווייניקע פאַרשטייען זיין ווערט, האָבן די פילאָזאָפן גערעדט. דער גאַנצער מענטשלעכער מין רופט אין נאָמען פון דאָזיקן טאָג, נאָר ער ווייסט ניט, פאַרוואָס מ׳רופט אים אַזוי.“ אויך אין דריטן יאָרהונדערט האָבן די גויים

על־פי־רוב אָפּגעהיט שבת, ווי ס׳דערציילט דער רוימישער קירך־היסטאָרי־קער טערטוליאַן.

(פון מאָריס צאבעל׳ס „ספר־השבת״, אין דייטש)

## רייד פון רוימישע שרייבער

דורכן אָפּהיטן פון שבת, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אויך צווישן די רוימער זיינען די זיגער (די רוימער) אַרונטערגעקומען אונטערן יאָך פון געזעץ פון די באַזיגטע (די אידן).

(סענעקאַ)

ווי די פירער פון די אַלטע רוימער זיינען נידעריק געזונקען!

דער פאָטער רוט דורכן שבת׳דיקן טאָג און עסט ניט קיין חזיר־פלייש... און די זין קומען דערצו, אַז זיי לאָזן זיך מל׳ע זיין.

(יואוועגאל)

# קלמן שולמאן

## גריכישע און רוימישע שרייבער וועגן שבת

אַלע וואָס קענען דעם אידישען לעבנסשטייגער און זיינע מנהגים, ווייסן געגנוי, און אויך זיי זעען מיט די אויגן, אַז זיי רופן דעם שבת אַ תענוג, מאַכן קידוש אויף ווייַן, עסן פיש און פלייש און מאַכן דעם טאָג שבת פאַר אַ טאָג פון שמחה און פרייד. און דאָך האָבן כמעט אַלע גריכישע און רוימישע שרייבער באַשלאָסן, אַז שבת איז אַ תענית ביי אידן, און פון גרויס ביז קליין פייניקן זיי זייערע נפשות פון אָוונט ביז אָוונט. אַזוי שטאַרק איז געווען זייער גלויבן אין דעם דאָזיקן ליגן, אַז אַפילו דער אויפגעקלערטער צעזאַר אַווגוסטוס, וועלכער האָט זייער גוט געקענט אידן, האָט אויך תמימות׳דיק אין דעם געגלויבט, און אין איינעם אַ בריוו זיינעם צו טיבעריוס׳ן שרייבט ער דאָס פאָלגנדיקע: „קיין איין איינציקער פרומער איד פאַסט ניט אַזוי און פייניקט ניט אַזוי זיין נפש אין טאָג שבת, ווי איך האָב געפאַסט און זיך געפייניקט אין דאָזיקן טאָג״. די שרייבער פון יענער צייט האָבן אַפילו ניט געוואוסט דעם באַדייט פון וואָרט שבת און אים געגעבן אַ פאַלשן באַגריף, וואָס ס׳איז בלויז צו לאַכן; פּלוטאַרך, וואָס זיין שנאה צו אידן האָט אים פאַרפירט אויסצוטראַכטן אויף זיי ליגנס, אַז זיי דינען צום אָפּגאָט באַקכוס, זאָגט, אַז שבת ווערט אָנגערופן אויפן נאָמען פון יענעם גאָט, ווייל אין אַ סך פלעצער ווערן די דינער פון באַקכוס אָנגערופן מיטן נאָמען „שבים״ ביז היינטיקן טאָג. אין דער מיסטעריעזער עבודה פון יענעם אָפּגאָט געפינט מען אַ סך מאָל, אַז זיינע דינער רופן אים אָן „שבאַי״. און אַנדערע שרייבער האָבן

אַרויסגעבראַכט די מיינונג, אַז דער באַדייט פון וואָרט שבת מיינט אַ טומל און גרויס געפילדער, ווייל די עבודה פאַר באַקכוס, דעם גאָט פון ווייַן און שכרות, איז פאָרגעקומען מיט גרויס טומל און געפילדער. און לויט פּלוטאַרכ'ס מיינונג, מאַכן די אידן שבת לכבוד דעם גאָט באַקכוס, אַזוי אויך אַלע זייערע אַנדערע יום־טובים. דער שרייבער אַפּיאָן האָט דעם שבת געגעבן אַן אַנדער באַדייט. ער זאָגט, אַז דאָס שטאַמט אָפּ פון עגיפּטן, פונעם וואָרט סאַבאָזוס, וואָס מיינט: קרעץ. ווייל דער דאָזיקער עגיפּטישער צורר־היהודים און אַלע זיינע חברים אין רשעות, האָבן אויסגעטראַכט, אַז די אידן אין מצרים האָבן געליטן פון שלעכטע קרעץ, דעריבער האָבן זיי די מצרים אַרויסגעטריבן פון לאַנד, כדי זיי זאָלן זיך ניט אָנשטעקן מיט דער דאָזיקער קראַנקייט. דער שרייבער יואוועגאַל לאַכט אָפּ פון די אידן, וואָס טוען שבת קיין שום אַרבעט ניט און ער וויצלט זיך, אַז משה איז געווען אַ פוילענצער דורך דער גאַנצער וואָך, און נאָך מער, איין טאָג אַ וואָך, אין וועלכן ער האָט גערוט פון יעדע אַרבעט, און געזעסן אויף אַן אָרט, און זיין פוילקייט האָט ער איבערגעגעבן בירושה צו זיין פאָלק, וואָס האָט פיינט יעדער אַרבעט, און ער האָט זיי באַפוילן צו היטן דעם טאָג שבת און זיצן מיט פאַרלייגטע הענט אַ גאַנצן טאָג דורך יעדער איינציקער וואָך. אויך האָט דער שרייבער סענעקאַ געלאַכט פון אונדזערע שבתים און האָט אויף אונדז געוואָרפן די שולד פון פוילקייט, אַז מיר פאַרברענגען אַ זיבנט־חלק לעבן אין פוילקייט, אַז מיר האָבן ליב אַרומ־צוגיין ליידיק. און האָבן פיינט צו טאָן אַן אַרבעט. דער שרייבער טאַציטוס זאָגט, אַז דער טאָג שבת איז אַ טאָג פון זכרון ביי אידן, אַן אָנדענק פון אַ גרויסער ישועה וואָס ס'איז די אידן געשען דורך אַ סטאַדע אייזלען. גייענדיק דורכן מדבר האָבן זיי זעקס טעג נאָכאַנאַנד ניט געפונען קיין וואַסער צום טרינקען, ביז זיי זיינען פאַר'חלש'ט געוואָרן פון דורשט ביז צום שטאַרבן, נאָר אויפן זיבעטן טאָג האָט זיך אָנטפּלעקט צו משה'ן דורך אַ סטאַדע אייזלען אַ גרויסער קוואַל וואַסער און דאָס פאָלק האָט זיך אָנגעטרונקען און נייַ־באַלעבט געוואָרן. קומענדיק אין אַ באַזעצט לאַנד, און ניט מורא האָבנדיק שוין מער אויסצוגיין פון הונגער און דורשט — רוען זיי אויפן זיבעטן טאָג פון יעדער אַרבעט און זיי פאַסטן דעם גאַנצן טאָג, זיי עסן ניט קיין ברויט און טרינקען ניט קיין וואַסער, אין אָנדענק פון יענע שווערע געפּערלעכע טעג, ווען זיי זיינען געווען הונגעריק און דורשטיק אין גרויסן מורא'דיקן מדבר. אַחוץ די דאָזיקע שרייבער זאָגן אויך עדות נאָך גרויסע און באַקאַנטע שרייבער, ווי סטראַבאָ, פּעטראָניוס, רוסיליוס, נימאַטיאַנוס און יוסטינוס, אַז דער טאָג שבת איז אַ תענית ביי אידן, אין וועלכן זיי פאַסטן פון אָוונט ביז אָוונט. און ווער זעט דאָס ניט איין און פאַרשטייט דאָס ניט, אַז די דאָזיקע פּלוידערייען קומען דערפון, וואָס זיי האָבן קיין ידיעה ניט אין דער תורה און נביאים, און ווען זיי האָבן געהערט עפּעס פון יום־כפור, וואָס ווערט

אנגערופן שבת־שבתון, האָבן זיי געגלויבט, אַז יעדן שבת פון די שבתים פון יאָר — פאַסטן די אידן און פייניקן זיך פון אוונט ביז אוונט.

## א. יעלינעק

### 1.

## דער שבת האָט באַצוואונגען די וועלט

קיין זאַך אין דער וועלט, שרייבט פרודאָן, קען זיך ניט גלייכן צום שבת, וואָס איז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני, און האָט זיין יסוד אין גלייכהייט, פרייהייט, און קומט צוערשט אין רעליגיע. פון שבת נעמט זיך די געזעלשאַפטלעכע עוואָלוציע פון מאָראַל, געזונטקייט פון גוף און נשמה, אייביק גליק.

מאָנטעסקיע רעדט ניט וועגן שבת, מחמת ער האָט אים ניט באַגריפן. רוסאָ האָט באַנומען בלויז אַ קליינעם טייל פון זיין ווערט. די מאָדערנע צייט מיט אַלע איר'ע לערן פון פּאָליטישע און בירגערלעכע רעכטן, און מיט אַלע אירע אָנהייבן צו ברענגען פרייהייט און גלייכהייט פאַרן מענטשן, האָט אויף אַ האָר ניט באַנומען די גרויסע דערהויבנקייט פון טאָג שבת.

דער שבת האָט דעם אידישן פאָלק געגעבן דעם ערשטן פּלאַץ אין דער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכקייט און מאָראַל. גריכנלאַנד און רוים, די גערמאַניער און די סלאַוון האָבן ניט באַאיינפלוסט דעם מענטשנס מאָראַל אין דער מאָס, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט אויף אים געווירקט. איך וואָג צו זאָגן: גאַנצע מחנות ביסמאַרקס מיט זייערע פּרואוון צו פאַרלייכטערן דעם יאָך פון די אַרבעטער — זיינען ניט וואָגיק לגבי דעם איינאיינציקן סעמיט, משה'ן, דעם באַשאַפער פון טאָג שבת.

גריכן און רוימער זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פון שבת, און פון זיי (ספּעציעל פרויען און שקלאַפינס) האָבן גענומען אַן אַנטייל אין דער אידישער שבת'דיקער סעודה. ס'איז געקומען דערצו, אַז דער סאַטירישער פּאָעט פּערסיוס בייזערט זיך אין איינס פון זיינע לידער אויף יענע רוימער, וואָס לאָזן זיך וואוילגיין מיט פיש וואָס אידן קאָכן לכבוד־שבת און אויף יענע, וואָס הייליקן דעם טאָג דורך וויין, לויטן אידישן מנהג.

עסן שבת פיש, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט דעם צאָרן פון רוימישן פּאָעט, רייצט דעם גויאישן גומען ביז צום היינטיקן טאָג, ניט קוקנדיק אויף דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג. אויך האָבן זיי ליב די שבת'דיקע חלה. און איך געדענק נאָך פון מיינע קינדער־יאָרן, ווי די גויים האָבן געהאַט דערצו חשק, דערהויפּט האָט זיי פאַרשמעקט דער קוגל. דער פרומער קריסט קריסטאָף מאַטיאַ (נירנבערג 1751) אין זיין בוך וועגן שבת — ערגערט זיך

אויף די אידן, וואָס זיינען מרבה בשבחים מכוח קוגל און האָבן אַ ווערטל: „אַז דער וואָס עסט קוגל — יענער וועט שוין בלייבן אַ איד". פונדעסטוועגן גיט ער אַליין רעצעפּטן, ווי אַזוי צוצוגרייטן אַ מאכל וואָס זאָל זיך אויסגלייכן מיטן אידישן קוגל.

מירן זיך אומקערן צו די גריכן און רוימער: זייערע שרייבער, ווי פּלוטאַרך און דיאָקאַסיוס, פּעטראָניוס, טאַציטוס, סוויטאָניוס, יוּוועניאַל, יוסטיניוס און נומענטיוס האָבן ניט באַגריפן דעם מהות פון שבת און געמאַכט פון אים חוזק, און אָנגערופן די אידן לײדיקגייער, וואָס לאָזן דורכן טאָג שבת זיך פּייניקן דורך תעניתים און קעלט. און נאָך מער, אין רוימישן טעאַטער פלעגט מען פאַרשטעלן קאָמעדיעס פון אידישן שבת — און דאָך, איז דער אידישער שבת, פון וועלכן די רוימער האָבן געמאַכט אַזויפיל ליצנות, געוואָרן דער ווינקלשטיין אין דעם מאָראַלישן בנין פון דער גאַנצער מענטשהייט.

## 2.

## שבת אין די גויאישע גלייכווערטלעך

ביי די מחמד'אַנער אין די אויגן איז שבת געווען דער ריכטיקער סימן צו דערקענען אַ אידן, און דעריבער רופן זיי אָן אידן מיטן נאָמען: „די קינדער פון שבת". אויך די קריסטן האָבן געוואוסט, וואָס פאַר אַ ווירדע אידן לייגן אויפן שבת. אַזוי, למשל, האָט דער קלוגער אַלפאָנס איינגעפירט אַ געזעץ אין שפּאַניע, ניט צו אַרעסטירן קיין איד אום שבת, סיידן ער האָט באַגאַנגען אַ הארב פאַרברעכן.

אין די שפּריכווערטער פון די פעלקער זעט זיך דער רושם פון שבת ניט פיל אָן. אין ניי־גריכיש איז פאַראַן אַ ווערטל: „דער איד איז אַרויס אין וועג, האָט אים דער שבת פאַרהאַלטן". און דאָס אייגענע זאָגט דער רומענער: „דער איד האָט זיך געוואָלט לאָזן אין וועג אַריין — און נאָדיר שבת".

ביסמאַרק דערציילט מיט ליצנות וועגן איינעם אַ איד אַ מלומד, וואָס האָט אויף זיך קיין זאַך ניט געטראָגן אום שבת. אַפילו אַ טאַשנטיכל האָט ער ניט געוואָלט טראָגן, סיידן, ער האָט פריער אָפּגעקויפט פאַר איין טאַלער דאָס פלאַץ, וואו ס'האָט געוואוינט אַ רעגירונגס־באַאַמטער. אין זכות פון דער דאָזיקער קניה, פאַרן פרייז פון איין טאַלער, האָט ער זוכה געווען צו באַקומען דאָס פלאַץ און די גאַנצע רעגירונגס־סביבה... און ביסמאַרק האָט פאַרגעסן, אַז אַזאַ מין מנהג איז געווען איינגעפירט אויך ביי די אַלטע רוימער. מיר לייענען אין גאַיוסעס קאָדעקס־בוך, אַז ווען ביי די רוימער פלעגט פאָרקומען אַ מחלוקה פאַר אַ פעלד אָדער אַ ירושה־הויז, פלעגט דער בעל־דין ברענגען פאַרן ריכטער אַ שטיין פון הויז, אָדער אַ הויפן ערד פון פעלד, און

דער דאָזיקער קלענער טייל פלעגט באַטראַכט ווערן, ווי מ׳וואָלט פאַרגע־בראַכט דאָס גאַנצע פעלד, אָדער הויז פאַרן געריכט.

און לגבי דעם איז שטאַרק האַרב דאָס שפּאַנישע ווערטל: „איך קויף ניט און פאַרקויף ניט, ווי אַ איד אין טאָג פון שבת". זיי (די שפּאַנישע קריסטן) האָבן געוואוסט, ווי ווייט די אידן האַלטן טייער זייער שבת, און אַז אַ איד איז גרייט צו פאַרלירן אַלע זיינע פאַרדינסטן, און זיך גורם זיין אַ סך שאָדן, איידער מחלל־שבת צו זיין.

און דאָס אייגענע מיינט דאָס טשעכישע ווערטל:

„די זון פאַרגייט, דער שבת קומט, פלינקער, יאַהאַן, שנעלער!"

דאָס אָנקומען פון שבת באַטייט דאָ זיך צוצואיילן און דערגרייכן שנעל צו דעם געווינטשטן ציל.

## 3.

## שמירת־שבת צווישן קריסטן

ס׳איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז דאָס פריאיקע קריסטנטום, וואָס שטאַמט אָפּ פון אידנטום, און וועמעס וואָרצלען עס שטעקן אין תנ״ך, איז געווען אונטערגעוואָרפן צו דער מצוה פון אידישן שבת אין אַ גרעסערער מאָס ווי די גריכן, רוימער און די מענטשן פון אָריענט, וואָס זיינען געווען פאַרן אויפקום פון קריסטנטום, אָדער יענע, וואָס האָבן ניט אָנגענומען די קריסטלעכע רעליגיע. אין דער תקופה פון די אַפּאָסטאָלן און אין די שפּעטער־דיקע דורות — איז דער שבת געווען הייליק ביי די קריסטן אין די מערסטע לענדער, ניט בלויז ביי די אידן־קריסטן אַליין, נאָר אויך ביי די גוים־קריסטן. ביז דער קיסר קאָנסטאַנטין האָט אין יאָר 321 געמאַכט אַ געזעץ, אַז אין אַלע שטעט פון דער רוימישער אימפּעריע זאָל מען האַלטן הייליק דעם ערשטן טאָג אין וואָך אַנשטאָט דעם טאָג פון שבת. אָבער אויך אַפילו נאָכדעם, ווי דאָס דאָזיקע געזעץ איז אַרויס איז שמירת־שבת געווען שטאַרק פאַר־שפּרייט צווישן די קריסטן, וואָס האָבן באַוואוינט די מזרח׳דיקע פּראָווינצן. אין יאָר 364 האָט די פאַרזאַמלונג פון די עלטסטע פון דער קירך אין דער שטאָט לאַודאקיא אַרויסגעגעבן אַן עדיקט, אַז קריסטן „זאָלן ניט פאַראידישט ווערן און ניט רוען אין טאָג פון שבת, נייערט, זיי זאָלן אָנגיין מיט אַלע זייערע אַרבעטן אין דאָזיקן טאָג. און אויב ס׳וועט דערגאַנגען ווערן, אַז זיי האַלטן זיך אָן אידישקייט — וועלן זיי אויסגעשלאָסן ווערן פון דער קריסטלעכער קירך". אָבער אַפילו אויך נאָך דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג האָבן זיך געפונען גאָר פיל קריסטלעכע סעקטעס, וואָס האָבן אָפּגעהיט שבת, ווי למשל, די קהילה פון אידן־קריסטן מיטן נאָמען „בני־נצרת", וואָס האָבן געלעבט אין איניקע שטעט פון סיריע און האָבן עקזיסטירט ביזן פינפטן יאָרהונדערט.

דורך יענער צייט זיינען אויך געווען די „היפסיסטאַרן" (פאַרהייליקער פון איינציקן גאָט) וואָס האָבן געהאַלטן אַז גאָט איז איינאונאיינציק. זיי האָבן אָפּגעהיט שבת און זיך געהיט פון אַלע עסנס וואָס זיינען פאַרבאָטן מן־התורה, בלויז די מצוה פון מילה האָבן זיי אויף זיך ניט גענומען. פון אַ ענציקליק, וואָס דער פויפּסט גרעגאָר דער ערשטער האָט אין יאָר 603 אַרויס־געלאָזט צו די איינוואוינער פון רוים, לערנען מיר, אַז אין רוים האָבן זיך ביי יענער צייט געפונען קריסטן שומרי־שבת. גרעגאָר רופט אָן די יעניקע, וואָס פאַרשפּרייטן די דאָזיקע תורה מיטן נאָמען „די פּריידיקער פון שטן." דער קירכן־צוזאַמענפאָר פון יאָר 791 אין פריאַלי, איטאַליע, בייזערט זיך אויף די איטאַליענישע פויערים, וואָס רוען אין לעצטן טאָג פון וואָך, אויפן אידישן שטייגער. אין צוועלפטן יאָרהונדערט האָבן זיך איינגעפונען אין די בערג פון דער אויבערשטער איטאַליע „פּאַסאַגינען", דאָס זיינען געווען קריסטלעכע „אַפּיקורסים", וואָס האָבן אָפּגעשטאַמט פון אָריענט, וועלכע פלעגן פּריידיקן, אַז דאָס אָפּהיטן די מצוות פון דער תורה, און ספּעציעל, די דינים פון שבת און מאכלים, און מאַנכע זאָגן, אַז אויך די מצוה פון מילה, איז אַ חוב אויף קריסטן. דער פּויפּסט לוציוס דער דריטער, אין הסכם מיטן קיסר פרידריך באַרבאַראָסאַ, האָט אין יאָר 1183 אויף דעם צוזאַמענפאָר פון וועראָנאַ, געלייגט אויף זיי און אויף אַנדערע אַפּיקורסים פון זייער מין אַן „אייביקן חרם". אינאיינעם מיט דעם האָט אויך די רעגירונג זיי מחרים געווען. אין באַפעל פון קיניג אַלפאָנס פון אַראַגאָן פון 1192, ווערן דערמאָנט צווישן אַנדערע אַפּיקורסים און אָפּטריניקע אויך די שומרי־שבת. די „פּאַסאַגינען" ווערן אַ סך מאָל דערמאָנט דורכן משך פון דרייצנטן יאָרהונדערט: אין דעם עדיקט פון פויפּסט גרעגאָר דעם ניינטן פון 1236, אין דעם באַפעל פון קיסר פרידריך דעם צווייטן פון 1243 (וואָס איז געצילט אויך אַנטקעגן דער סעקטע וואָס פּראַקטיצירט מילה) און אין דעם עדיקט פון פויפּסט אינאָצענץ דעם פערטן פון יאָר 1253.

## .4

# די „סובאָטניקעס" פון מאָראַוויע

צוליב די גרויזאַמע רדיפות, הן מצד דער קירך און הן מצד דער וועלטלעכער מאַכט — האָבן דורכן צוועלפטן און דורכן דרייצנטן יאָרהונ־דערט אויסגעוואַנדערט אַ סך קריסטן־אַפּיקורסים, שומרי־שבת, פון די אַל־פּישע פּראָווינצן, קיין מערן און בעמען. נאָך אַנדערע האָבן נאָך זיי אויס־געוואַנדערט אין די קומענדיקע יאָרהונדערטער. זיי ווערן אָנגערופן „סובאָט־ניקעס", שומרי־שבת. אינאיינעם מיט שמירת־שבת האָבן די מערסטע פון זיי געהאַלטן פון דער מצוה פון טאָפּלטער טבילה פאַר די דערוואַקסענע

מענטשן, און דעריבער זיינען אין זעכצנטן יאָרהונדערט באַטראַכט געוואָרן די נעמען „אַנאַבאַפּטיסטן“ און „סובאָטניקעס“ — ווי סינאָנימען. אין פופצנטן און זעכצנטן יאָרהונדערט זיינען קיין מערן געקומען סובאָטניקעס פון בייערן, טיראָל, שטייערמאַרק, עסטרייך, שווייץ, שלעזיע און פוילן. אין די לענדע־רייען פון די אַדעליקע ליכטענשטיין און קויניץ אין בריק, ניקלסבורג און אַנדערע האָבן זיי געגרינדעט קהילות, וואָס אין אַ גאַר קורצער צייט האָבן זיי דערגרייכט צו דער צאָל זעכציק. דער קיניג פערדינאַנד האָט באַשלאָסן אויסצוראָטן די אַנאַבאַפּטיסטן און פאַר דעם צוועק האָט ער אַרויסגעשיקט אַן אַפּיציר מיט זעלנער איבערן לאַנד. דורך זיין וואָרט זיינען אַ סך געטויט געוואָרן און די קעפּ זייערע האָט מען אויפגעהאָנגען איבער זייערע טירן פון די הייזער. יענע וואָס האָבן זיך געקענט ראַטעווען האָבן זיך באַהאַלטן אין די וועלדער און די בערג. נאָר די אַדעליקע, די באַלעבאַטים פון די מאַיאָנטקעס האָבן אינגיכן אָפּגעשטעלט די רדיפות; איבערהויפּט האָבן באַ־שיצט די פאַרפאָלגטע די צוויי אַדעליקע, לינהאַרט און האַנס פאָן ליכטענשטיין. אויף דער ערד פון לינהאַרטס מאַיאָנטעק אין ניקלסבורג האָט זיך באַזעצט אַ גרויסע עדה סובאָטניקעס, וועלכע ער האָט שטאַרק מקרב געווען. פון זייער צענטער אין מערן האָבן זיי אַרויסגעשיקט שליחים איבער פאַרשיי־דענע אייראָפּעאישע לענדער צו פּראָפּאַגאַנדירן זייער גלויבן. דערהויפּט האָבן די שליחים אָנגעפירט אַ מעכטיקע פּראָפּאַגאַנדע אין די נאָענטסטע מדינות, ווי מערן און אונגאַרן. אין מזרח־פריזלאַנד, וואו די אַנאַבאַפּטיסטן זיינען געווען זייער שטאַרק, האָט מען פאַר אַ לאַנגער צייט אויפגעהערט פייערן זונטיקס און די קריסטלעכע יום־טובים. אויך אין האָלאַנד זיינען געווען גרופּעס „סובאָטניקעס“. אין ערשטן דריטל פון זעכצנטן יאָרהונדערט זיינען דאָרט פאַר׳משפּט געוואָרן אַ סך סובאָטניקעס, מענער און פרויען, צום טויט. אין פראַנקרייך פון יענער צייט, שרייבט איינער אַ שרייבער, מ. דע־לאַ־ראָק, אַ בוך, וואו ער פאַרטיידיקט שבת אַנטקעגן דעם עפּיסקאָפּ בוסע. אַנטקעגן די שומרי־שבת פון מערן, האָט לוטער פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1538 „אַ בריוו וועגן די ,סובאָטניקעס׳, אין וועלכן ער מיט זיך מיט ראיות פון חומש צו באַווייזן „די פאַרפירטע מיינונג, אַז מ׳דאַרף היטן שבת“. דער שטראַסבורגער טעאָלאָג קאַספּאַר שווינקפעלד האָט אין יאָר 1531 פאַר־עפנטלעכט אַ פּאָלעמישע שריפט אַנטקעגן די סובאָטניקעס, „וועגן דעם קריסטלעכן רו־טאָג און דעם אונטערשייד צווישן דעם אַלטן טעסטאַמענט און דעם נייעם“, און געווידמעט זיין בוך צום אויבנדערמאָנטן אַדעליקן לינהאַרט ליכטענשטיין.

דיליידן פון דער דרייסיק־יאָריקער מלחמה, וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן ביי יענער צייט און די רדיפות אויף די אַפּטריניקע, וואָס האָבן זיך געשטאַרקט נאָך דער מלחמה ביים ווייסן באַרג (1621) האָבן דערנענטערט

דעם סוף פון די סובאָטניקעס אין מערען. צום סוף זיינען זיי אַרויסגעטריבן געוואָרן פון לאַנד; זיי האָבן נאָך געלעבט אַ שטיקל צייט אין אונגאַרן און זיבנבערגען אַ געפּלאָגט און געמוטשעט לעבן. אייניקע פון זיי זיינען צוגע־שטאַנען צו די אוניטאַריער אין זיבנבירגען און די מערסטע האָבן זיך ביס־לעכווייז אַסימילירט צווישן די קאַטאָליקן. קליינע רעשטלעך פון זיי האָבן זיך באַוויזן ביים סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט ווען דער קיסר יאָזעף דער צווייטער האָט פאַרעפנטלעכט זיין „טאָלעראַנץ־שריפט“. מ'האָט זיי גערופן „אַבראַ־האַמיטן“ און „איזרעאַליטן“. זיי האָבן זיך באַזעצט צווישן די אידן, אָדער אין זייער נאָענטשאַפט. אייניקע פון זיי האָבן זיך געוואָלט מל'ן און פּראַק־טיצירן אידישקייט אין דער עפנטלעכקייט. נאָר מיט אַזעלכע איז מען זיך ניט באַגאַנגען מיט טאָלעראַנץ, און אויפן קיסרס באַפעל פון 11טן מערץ 1783, האָט מען זיי אַלעמען, יונג און אַלט, געזונט און שוואַך, צוגענומען פאַר סאָלדאַטן אין די אונגאַרישע גרענעץ־חיילות.

.5

## די רוסישע סובאָטניקעס

בערך 1470 האָבן די רוסישע גייסטלעכע דיאָניסיוס און אַלעקסעי און שפּעטער איז צוגעקומען צו זיי אויך דער אַרכיערעי גאַבריעל, געגרינ־דעט אַ סעקטע „זשידאָווסטוואויעשציע“; די מיטגלידער פון דער דאָזיקער סעקטע האָבן אָפּגעהיט דעם טאָג שבת מיט אַלע זיינע חומרות פון דין. דיאָניסיוס און אַלעקסעי זיינען געווען באַאיינפלוסט פון דער משיח־באַוועגונג, וואָס דער אידישער מלומד זכריה (זכיה בן אהן הכהן?) האָט אויפגערו־דערט אין יענער צייט, אין קיעוו. אין יאָר 1480 האָט דער גרויספירשט יאָאַן דער דריטער גערופן די דאָזיקע צוויי גייסטלעכע קיין מאָסקווע, און זיי אַנגעשטעלט אָנצופירן מיט דער גלחות. ער האָט ניט געוואוסט, אַז זיי זיינען נוטה צו אָפּטריניקייט. דאָרט האָבן זיי באַהאַלטענערהייט אָנגעפירט פּראָפּאַגאַנדע לטובת דער נייער סעקטע און דערוואָרבן אַ סך אָנהענגער פון אַלע שיכטן פון פאָלק. צווישן די אַנדערע וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער נייער סעקטע — זיינען געווען: דער אַרכימאַנדריט פון מאָנאַסטיר, סימאָנאָוו, זאָסימאַ, דער סעקרעטאַר פון גרויספירשט פיאָדאָר קוריצין, און זיין ברודער איוואַן און די פּרינצעסין יעלענאַ, די כלה פון גרויספירשט. אויך צווישן די ברייטע מאַסן האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט די נייע תורה. דער נאָווגאָראָדער אַרכיעפּיסקאָפּ, גענאַנדי און דער הויפּט פון מאָנאַסטיר יאָסיף וואָלאָצקי פון וואָלאָקאָלאַמסק האָבן זייער שטאַרק גענומען רודפ'ן די נייע סעקטע, און הגם איר השפּעה האָט שוין געהאַט דערגרייכט אַזש אין קיניג־לעכן הויף, האָט זיך זיי דאָך איינגעגעבן אויפצורייצן אַנטקעגן זיי דעם

דעת־הקהל און צוויי צוזאַמענקונפטן פון דער קירך זײַנען פאַרגעקומען אין מאָסקווע, מיטן צוועק צו באַקעמפן די נײַע סעקטע. די ערשטע צוזאַמענ־קונפט, וואָס איז פאַרגעקומען אין 1491 האָט געלייגט אין חרם אַ צאָל גלחים, און אַנדערע אַפּטריניקע פאַר׳משפט צו גלות. אָבער די צווייטע צוזאַמענ־קופט, וואָס איז פאַרגעקומען אין יאָר 1504 האָט די מיטגלידער פון דער דאָזיקער סעקטע פאַר׳משפט צו האַרבערע און שטרענגערע שטראָפן. די אָנגעזעענסטע מענטשן פון דער סעקטע האָט זי פאַר׳משפט צום טויט; דער סעקרעטאַר קוריצין, דער אַרכימאַנדריט קעסיאַן און נאָך צוויי גדולים פון דער סעקטע זײַנען עפּנטלעך פאַרבערנט געוואָרן אין מאָסקווע און אַנדערע חשובע פערזענלעכקייטן פון נאָווגאָראָד זײַנען פאַר׳משפט געוואָרן לשרפה. כמעט אין יעדער איינציקער גרויסער שטאָט פון מאָסקאָוויע — האָט מען גע׳הרג׳עט „אַפּטריניקע״, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ נטיה צום אידנטום. די איבעריקע זײַנען אַנטלאָפן קיין ליטע און די שטעט אַרום די גרענעצן. און דאָך האָט זיך די באַוועגונג פון שמירת־שבת אינגאַנצן ניט אָפּגעשטעלט און אין יאָר 1050 האָבן זיך נאָך געפונען אין פינלאַנד אַ סך קהילות פון די סובאָטניקעס. אין אַכצנטן און נײַנצנטן יאָרהונדערט זײַנען סעקטעס פון מאָלאָקאַנעס און דוכאָבאָרן געווען פאַרשפּרייט אין די גובערניעס פון וואָראָ־נעזש און סאַראַטאָוו. אין דער צווייטער העלפט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט האָט די רוסישע רעגירונג אָנגעהויבן שטאַרק רודפ׳ן די מיטגלידער פון די דאָזיקע סעקטעס, אָבער ס׳האָט זיך איר ניט אײַנגעגעבן זיי אויסצוראָטן. דורך דער צײַט פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטנס מלוכה (1801—1825) האָבן זיך די רדיפות צײַטווײַליק אָפּגעשטעלט און די סעקטאַנטן האָבן ווידער עפּנטלעך זיך אומגעקערט צו די עיקרים פון זייער אמונה, און נאָכמער, אין יאָר 1825 האָבן זיי אַרויסגעשיקט פּריידיקער אין די סטעפּעס פון דאָן, צו באַקערן מענטשן צו זייער תורה. ווען דאָס איז באַקאַנט געוואָרן אין דער עפּנטלעכקייט, זײַנען אַ סך פון זיי פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר און נאָך קאַווקאַז און אַ סך זײַנען געווען געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגן פון זייערע איבער־צייגונגען דורך אַ שבועה. אין דער צײַט פון ניקאָלאַי דעם ערשטנס ממשלה — (1825—1855) האָבן זיך באַנײַט אויף זיי די שוידערלעכסטע רדיפות. זיי זײַנען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר און אין דער פּראָווינץ סאַליאַני, וואָס אויף יענער זײַט קאַווקאַז, וואָס איז שווער פאַרן געזונט, אָדער זיי זײַנען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר סאָלדאַטן פאַרן פינף־און צוואַנציק יאָריקן משך. אין דער צײַט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן איז זייער מצב אַביסל בעסער געוואָרן און מ׳האָט זיי דערלויבט זיך צו האַלטן אָן זייערע איבערצייגונגען און גלויבנס; און בלויז אין יאָר 1905 האָבן זיי באַקומען פולשטענדיקע גלויבנס־רעכטן. אַ סך פון זיי ווערן אָנגערופן מיטן נאָמען „סובאָטניקעס״, און זיי היטן שבת, מל׳ען זייערע קינדער און זײַנען אָפּגעהיטן מיט זייערע

מאכלים, על פי תורת־משה. אַנדערע ווערן אַנגערופן „גרים“ און זיי היטן אָפּ אַלע חוקים פון אידנטום. די מענטשן פון די דאָזיקע צוויי גרופּעס וואוינען אין די דערפער פון די גובערניעס טאַמבאָוו, וואָראָנעזש און סאַראַטאָוו, אין די פּראָווינצן פון סטאַווראָפּאָל און אַרום טערעק פון צפון־קאַווקאַז, אין סאַליאַני און אין פאַרשיידענע פּלעצער פון סיביר. אַרום פופציק משפחות פון די דאָזיקע רוסישע גרים האָבן אויסגעוואַנדערט קיין ארץ־ישראל און פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט.

.6

## די סובאָטניקעס פון זיבנבירגען

פון די יודאַאיזירטע קרייזן פון זיבנבירגען, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם אוניטאַרישן עפּיסקאָפּ פראַנץ דאַוויד, איז צום סוף פון זעכצנטן יאָרהונדערט אַרויסגעקומען די סעקטע סובאָטניקעס. דער ערשטער גרינדער און פירער פון דער סעקטע איז געווען אַנדרעאַס עסאַי, אַ רייכער אונגאַ־רישער גוטבאַזיצער. ער איז ניט געווען קיין טעאָלאָג און ניט געקענט העברעאיש, נאָר ער איז געווען אַ בקי אין תנ״ך אין דער אונגאַרישער איבער־זעצונג און גוט געקענט די געשיכטע פון דער קריסטלעכער קירך. ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס איז צוגעשטאַנען צו פראַנץ דייווידן, נאָר מיט דער צייט האָט ער איינגעפונען, אַז אין יענעמס תורה ליגט ניט „דער גאַנצער אמת“ און ער האָט אָנגעהויבן פריידיקן רעליגיע אויף זיין אייגענעם שטייגער. היטן שבת איז געוואָרן דער ווינקלשטיין פון זיין לערע. ער האָט פאַרפאַסט אַ גרויסע צאָל אָפּהאַנדלונגען און תפילות און געשריבן רעליגיעזע פיוטים. גאָר אינגיכן זיינען צו דער נייער סעקטע צוגעקומען גאָר אַ סך אוניטאַריער. דער פירשט זיגמונד באַטאָרי האָט אין יאָר 1595 געגעבן אַ באַפעל צו רודפ׳ן די דאָזיקע סעקטע, נאָר דער דאָזיקער באַפעל איז ניט דורכגעפירט געוואָרן, ווייל אונטערדעסן איז דאָס שטיק לאַנד אין וועלכן די שומרי־שבת האָבן זיך אויפגעהאַלטן, אַרונטערגעפאַלן אונטער דער הער־שאַפט פון מאָלדאַווישן וואָיעוואָדאַ מיכאַאיל. דורך דער הערשאַפט פון דעם קאַטוילישן פירשט גאַבריעל באַטאָר האָט דער רעגירונגס־ראַט אין יאָר 1610 באַשלאָסן, צו געבן די סובאָטניקעס צייט צו טאָן תשובה, און זייערע פריי־דיקער פאַרזעצן אין תפיסה. אָבער צוליב די אומרוען און מהומות אין לאַנד איז דער דאָזיקער באַפעל אויך ניט דורכגעפירט געוואָרן. דער רעפאָרם־פירשט גאַבריעל בעטלען האָט אין חודש נאָוועמבער 1618 צונויפגערופן אַ פאַרזאַמ־לונגס־ראַט פון גלחים, און די דאָזיקע פאַרזאַמלונג האָט אינסטרואירט דעם עפּיסקאָפּ יאַהאַן דייקאַ און די רעפאָרמירטע גלחים, אַז זיי זאָלן די פאַר־פירטע שומרי־שבת צוריק אַרויספירן אויפן דרך־הישר. דייקאַ, אין דער

באגלייטונג פון זעלנער, האט קאנפיסקירט די קירכן פון די סובאטניקעס, זייערע פריידיקער פארזעצט אין תפיסה און אנשטאט זיי אוועקגעשטעלט רעפארמירטע גלחים. אבער די דאזיקע שטרענגע מיטלען האבן ניט דער־גרייכט זייער ציל, און די נייע סעקטע האט אלץ ווייטער און ווייטער זיך פארשפרייט איבערן לאנד. זי האט געפונען א נייעם מנהיג, דעם מלומד און שטאטסמאן דעניעל פעיכי, וועמען אנדרעאס עסאי האט אדאפטירט פאר א זון, נאכדעם ווי זיינע אייגענע זין זיינען ביי אים געשטארבן. פעיכי, וועלכער איז געווען גוט באקאנט מיט די מערסטע אייראפעאישע לענדער דורך זיינע נסיעות, געווען אין ארץ־ישראל, אין מצרים און אין צפון־אפריקע — האט געהאט גרויסע ידיעות אין דער העברעאישער ליטעראטור, אין דער לאטיינישער און דער גערמאנישער. דורך דער הערשאפט פון פירשט גאבריעל בעטלען האט ער עולה לגדולה געווען און איז געווארן קאנצלער פון לאנד. שפעטער האט דער פירשט אים ארונטערגעזעצט און א שטיקל צייט אים געהאלטן פארשפארט אין תפיסה. נאכדעם ווי ער איז באפרייט געווארן, האט ער זיך מיט אלע כוחות אפגעגעבן צו פארשפרייטן די לערע פון די שומרי־שבת און האט באקערט א סך מענטשן, ניט בלויז פון די ברייטע מאסן, נאר אפילו גאר פיל פון די הויכע אדעליקע. נאר דער פירשט געארג ראקוצי דער ערשטער האט ווידער גענומען רודפ׳ן די נייע סעקטע מיט אן אייזערנער האנט, האט קאנפיסקירט פעיכי׳ס אלע גיטער און אים אליין ארייַנגעשלײדערט אין תפיסה, וואו ער איז אין יאר 1640 געשטארבן. אויפן שטאטס־ראט פון 1635 איז אנגענומען געווארן דער באשלוס, אז אויב די שומרי־שבת וועלן אין א קורצער צייט ניט אננעמען איינע פון די פיר דער־לויבטע רעליגיעס אין לאנד — וועלן זיי געטויט ווערן און זייער פארמעגן וועט קאנפיסקירט ווערן. די שומרי־שבת זיינען גערופן געווארן קיין דייעס, וואו דער משפט איז פארגעקומען אין דער קריסטלעכער רעפארם קירך. די איינגעשפארטע, וואס האבן זיך ניט געוואלט צוריקקערן צו דער קירך זיינען פאר׳משפט געווארן צו תפיסה, קאנפיסקירט זייער אייגנטום, אדער זיי זיינען פארשיקט געווארן אויף שווערער ארבעט אין פארשיידענע פונקטן פון לאנד; אנדערע האט מען איבערגעוואלט געצוואונגען זיך צוריקצוקערן צו דער קירך. זייערע ספרים און כתבים האט מען צונויפגענומען אין קארלסבורגער קירך און די מערסטע פון זיי האט מען שפעטער פארברענט. מאנכע פון זייערע ביכער און רעליגיעזע פיוטים אין אונגאריש האבן זיך אויפגעהיט ביז היינטיקן טאג און געפינען זיך אין די פאלקס־ארכיוון.

פון מיטן פון זיבעצנטן יארהונדערט און ווייטער, איז די דאזיקע סעקטע כמעט אינגאנצן פארשוואונדן פון לאנד. נאר אט איז אונטערגעקומען דאס יאר 1728, און ווידער זיינען אייניקע מיטגלידער פון דער דאזיקער סעקטע גע׳משפט געווארן ווי פאררעטער פון לאנד. אין יאר 1750 האט

מאריא טערעזא געשיקט צו זיי קאטוילישע גלחים, באגלייט פון זעלנער, זיי מחזיר למוטב צו זיין. די דערפער פון דער דאזיקער סעקטע, ארום 70 אדער 72 אין צאל, האבן אין גרעסטער צאל אנגענומען דעם קאטוילישן גלויבן און אייניקע קהילות האבן זיך אנגעשלאסן אן די אוניטאריער. בלויז אין דארף ביזידו־פאלו האבן זיך אויפגעהאלטן איבער דרייסיק משפחות פון שומרי־שבת ביז אין די זעכציקער יארן פון ניינצנטן יארהונדערט און אין יאר 1868 האבן זיי אלע אנגענומען דעם אידישן גלויבן. די דאזיקע „קהל־גרים" זיינען געבליבן ביז היינטיקן טאג טיפישע פויערים לויט זייער לעבנס־שטייגער און מלבושים, און זיי ציען זייער פרנסה בצמצום פון ערדארבעט. די צאל זייערע איז עפעס מער פון הונדערט. זיי פירן זיך ווי עכטע גאטס־פארכטיקע אידן און היטן אפ שבת און אלע אידישע ימים־טובים מיט גרויס טריישאפט.

## 7.

## באפטיסטן און אדווענטיסטן

גאר פיל צווייגן פון דער באפטיסטישער סעקטע זיינען זיך נוהג צו היטן שבת אנשטאט זונטיק. איבערהויפט זיינען זיך אזוי נוהג יענע, וואס ווערן אנגערופן „שבת־באפטיסטן" Sabbatarian און אויך די באפ־טיסטן פון זיבעטן טאג Seventh Day Baptists די דאזיקע סעקטע שטאמט פון ענגלאנד, אין וועלכער עס האבן זיך געפונען שומרי־שבת נאךביים סוף פון זעכצנטן יארהונדערט. בערך אין יאר 1618 זיינען דזשאן טראסק און זיין ווייב (אין לאנדאן) ארויסגעקומען מינדלעך און שריפטלעך פאדערן דאס רעכט פון שבת־רו. אויפן באפעל פון דער קירך איז טראסק געשטעלט געווארן צום שאנד־קלאץ. מ'האט אים באשטראפט מיט דער קנוט און אים פארשפארט אין תפיסה. נאכדעם ווי ער איז אפגעזעסן איין יאר, האט ער צוריקגעצויגן זיינע רייד. זיין ווייב איז געבליבן פופצן אדער זעכצן יאר אין תפיסה און איז דארטן געשטארבן. א פאסטאר פון דער ענגלישער קירך, טעאפיל ברייבוירן, האט אין יאר 1628 און 1632 פארעפנטלעכט צוויי פאמפלעטן לטובת שבת. דער נאמען פון צווייטן פאמפלעט איז געווען „צו באשיצן דאס געטלעכע אלטע געזעץ און דאס הייליקסטע, דאס געזעץ פון שבת". אויפן באפעל פון קארל דעם ערשטן האבן ד"ר ווייס, עפיסקאפ פון עלי און ד"ר היילין פון וועסט־מינסטער אנגעשריבן צוויי טראקטאטן צו ענטפערן אויף ברייבוירנ'ס פאמ־פלעט. דער דאזיקער פאסטאר איז גערופן געווארן צום געריכט און ער האט זיך געמוזט בויגן פאר דער ענגלישער קירך, כדי זיך צו ראטעווען פון א שווערער שטראף. נאך א פאר יאר שפעטער האט ער ווידער פארעפנטלעכט נייע ביכער וועגן שמירת־שבת. אין יענער צייט האבן אין ענגלאנד זיך

געפונען נאָך מענטשן, וואָס האָבן טיכטיק פאַרשפּרייט צווישן דער באַפעל־קערונג דעם געדאַנק פון היטן שבת. דאָס זיינען: פיליפ טאַנדי, דזשייקאָב אַאוקפאָרד, (זיין בוך „וועגן דער פערטער דברה" פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1642, איז פאַרברענט געוואָרן אויפן באַפעל פון דער ענגלישער קירך) עדוואַרד סטינעס און ב. טעליערס. צו די גרינדער פון די שבת־באַפּטיסטן קען מען צורעכענען אויך פראַנסיס באַמפילד, וועלכער איז צוערשט געווען אַ פּאַסטאָר אויף דער פּראָווינץ. נאָכדעם ווי ער האָט אין יאָר 1662 רעזיגנירט פון זיין אַמט צוליב רעליגיעזע צווייפלען, איז ער געווען ניין יאָר צייט פאַרשפּאַרט אין תפיסה. נאָך זיין באַפרייאונג איז ער געקומען קיין לאָנדאָן און געגרינדעט אַ באַפּטיסטישע קהילה. אין די יאָרן 1672 און 1677 האָט ער פאַרעפנטלעכט צוויי טראַקטאַטן צו באַשיצן דאָס רעכט פון שבת־רו. אין יאָר 1682 האָט מען אים צום צווייטן מאָל פאַרשפּאַרט אין תפיסה, מ'האָט קאָנפיסקירט זיין אייגנטום און אים פאַר'משפט צו אייביקער תפיסה. אין אָנהייב פון יאָר 1683 איז ער געשטאָרבן אין דער „ניו־געיט" תפיסה. זיין ברודער, טאָמאַס באַמפילד, האָט אויך געשריבן חיבורים לטובת שבת־רו און איז אויך פאַר'משפט געוואָרן צו תפיסה פאַר זיינע רעליגיעזע אַנשויאונגען. איין באַפּטיסטישער פּאַסטאָר, דזשאָן דזשיימס, איז פאַר'משפט געוואָרן צום טויט, דערפאַר וואָס ער האָט געפּריידיקט שמירת־שבת און אין נאָוועמבער פון יאָר 1661 איז דורכגעפירט געוואָרן איבער אים דער משפט. און ניט קוקנדיק אויף די אַלע רדיפות זיינען אין ענגלאַנד דורכן זיבעצנטן יאָר־הונדערט געווען זייער פיל באַפּטיסטישע קהילות, וואָס האָבן אָפּגעהיט דעם טאָג שבוע. אביסל שפּעטער זיינען די „באַפּטיסטן פון זיבעטן טאָג" געוואָרן ווייניקער אין ענגלאַנד און זייער צאָל איז שטאַרק געפאַלן. דערפאַר אָבער האָבן זיי זיך פאַרשפּרייט איבער צפון־אַמעריקע. אין יאָר 1664 איז אַהין געקומען דער שליח סטיפען מאַמפאָרד פון לאָנדאָן. נאָך ביז היינטיקן טאָג זיינען זיי פאַראַן אין גרויסע צאָלן, איבערהויפּט אין ראָוד־איילאַנד און אין דעם דרומ'דיקן טייל פון שטאַט ניו־יאָרק. אויך איז מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק געגרינדעט געוואָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין פּענסילווייניע, אַ דייטשע קאָנגרעגאַציע פון שומרי־שבת. קאָנראַד בייזל האָט אין יאָר 1728 געגרינדעט אַ קהילה פון דייטשע שומרי־שבת, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער די פּראָווינצן פון לאַנקעסטער, יאָרק, פרענקלין און בעדפאָרד, און די מערב'דיקע טיילן פון שטאַט פּענסילווייניע. צוליב דער שמירת שבת זיינען זיי שטאַרק גערודפ'ט געוואָרן. אין ענגלאַנד און אירע קאָלאָניעס האָט ביזן לעצטן דריטל פון ניינצנטן יאָרהונדערט עקזיסטירט די באַוועגונג פון „נייע אידן", וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך יאָהאַנאַ סודקאָט.

אין צווייג פון דער סעקטע אַדווענטיסטן, וואָס ווערט אָנגערופן „די אַדווענטיסטן פון זיבעטן טאָג" — האָט איבערגענומען די שבת־רו פון די

באַפּטיסטן שומרי־שבת, נאָכדעם ווי זיי האָבן מיט זיי פּאַרקערט. דער גרינדער פון דער דאָזיקער קהילה איז געווען דער שיפס־קאַפּיטן דזשאָזעף באַטיס פון וואַשינגטאָן, וועלכער האָט אין יאָר 1846 אָנגעהויבן באַקערן מענטשן לטובת דעם שבת־געדאַנק און האָט אַ סך אויפגעטאָן אויף דעם געביט. אָבער די אמת׳דיקע גייסטיקע פירערין פון דער דאָזיקער באַוועגונג איז געווען די „זעערין״, שוועסטער עלין ג. ווהייט, (געשטאָרבן אין יאָר 1917) מיט אירע טראַקטאַטן, רעליגיעזער התלהבות און מאָראַלישע כוחות איז זי איבער־געשטיגן איר מאַן דזשיימס ווהייט (1821—1881) וואָס האָט זיך געשאַפן אַ נאָמען מיט זיינע אויסגאַבן פון אַדווענטיסטישע ביכער און צייטשריפטן.

אין קעגנזאַץ צו די באַפּטיסטן שומרי־שבת — האָבן די „אַדווענטיסטן פון זיבעטן טאָג״ פאַרשפּרייט זיך אויך אין אַנדערע לענדער מחוץ לאַמעריקע אין אַ גרויסער מאָס. דזש. נ. אַנדריוס, וואָס האָט געשריבן אַ בוך מכוח דער געשיכטע פון שבת האָט אין יאָר 1874 אויסגעוואַנדערט קיין שווייץ, זיך באַזעצט אין ניישאַטל און פון דאָרט האָט ער אָרגאַניזירט און אָנגעפירט מיט די אַדווענטיסטישע קהילות פון די אייראָפּעאישע לענדער. אין דייטש־לאַנד, וואו אַ קליינע גרופּע שומרי־שבת האָט שוין עקזיסטירט אויפן רהיין אין יאָר 1867 — האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָרגאַניזירטע אַקציע ביי די אַדווענ־טיסטן אין יאָר 1889 אונטער דער ליטונג פון ל. קאָנאָרדי אין האַמבורג. ביי היינטיקן טאָג איז די דייטשע אָרגאַניזאַציע פון די אַדווענטיסטן אַ פאַר־באַנד פון מזרח און מערב־דייטשלאַנד און צענטראַל אייראָפּע, וואָס נעמט אַריין האָלאַנד, די דייטשע שווייצאַריע און עסטרייך. בראש פון די אַדווענטיסטן פון זיבעטן טאָג שטייט די אַלגעמיינע קירך, וועמעס הויפּט־פּלאַץ איז אין וואַשינגטאָן און האָט „אָפּטיילונגען״ איבער אַלע פינף וועלט־טיילן. אין יאָר 1925 איז די צאָל פון אַלע מיטגלידער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, לויט דער פאַרזיכטיקער רעכענונג פון די אַדווענטיסטן גופא — געווען אַרום צוויי הונדערט און דרייסיק טויזנט. די צאָל פון די דייטשע מיטגלידער אַרום פינף און דרייסיק טויזנט.

8.

## גערמאַנישע שומרי־שבת אין אַכצנטן יאָרהונדערט

אין אָנהייב פון אַכצנטן יאָרהונדערט — האָט יאָהאַן טאַנהאַרד, אַ פּשוטער סוחר פון נירנבערג, אָנגעהויבן אַגיטירן צווישן די מאַסן וועגן דער הייליקייט פון טאָג שבת און אָפּגעדרוקט מכוח דעם פאַרשיידענע שריפטן אין ערפורט. ער האָט זיך אויך געמיט צו פאַרשפּרייטן דעם דאָזיקן געדאַנק דורך בריוו, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט אין פאַרשיידענע לענדער. זיינע אַגיטאַציע־נסיעות האָבן אים געפירט איבער פאַרשיידענע דייטשישע

פראָווינצן. צוליב זיינע אַנשויאונגען איז ער וויפיל מאָל אַרעסטירט געוואָרן און אין יאָר 1720 איז ער געשטאָרבן אין קאַסעל, וואוהין ער איז געקומען צו דערווערבן מיטגלידער פאַר זיין געדאַנק. טאַנהאַרד'ס ווירקונג, האָט אַרויסגעבראַכט פאַרשיידענע חיבורים, סיי אַזעלכע וואָס האָבן אים באַקעמפט און סיי אַזעלכע וואָס האָבן פאַרטיידיקט זיין שטאַנדפונקט. ביז היינטיקן טאָג געפינען זיך נאָך אין די פראָווינצן פון ווירטעמבערג און העסן יחידים, וואָס זיינען געבליבן טריי צו זיין תורה און היטן אָפּ שבת. אין אַכצנטן יאָרהונדערט איז אין דייטשלאַנד געווען אַ מענטש, וואָס האָט געקעמפט פאַרן געדאַנק פון שבת, דאָס איז גראַף ניקאָלאַס צינצענדאָרף, דער גרינדער און ערשטער עפּיסקאָפּ פון דער סעקטע „הערנהוטער". נאָך איידער ער איז אַוועק קיין אַמעריקע, זיך צו באַזעצן דאָרטן, (1738) האָט ער יאָרנלאַנג געהיט שבת. אויף זיין פאַרלאַנג האָט דער שטאַט־ראַט פון בעטלעהעם (פּענ־סילווייניע) אין יאָר 1741 אָנגענומען דעם באַשלוס צו פּראָקלאַמירן שבת, ווי אַ טאָג פון רו. צינצענדאָרף האָט אין זיין הויז איינגעפירט שבת'דיקע צוזאַ־מענקומען, פאַר די חברים און חברות פון זיין קהילה. און אין זיינע אַנשטאַלטן פאַר קינדער פלעגט ער מאַכן שבת'דיקע סעודות. אָבער די „הערנהוטערס", וואָס זיינען געקומען שפּעטער — האָבן אויפגעהערט היטן דעם טאָג שבת.

## 9.

# שמירת-שבת ביי די קריסטן פון די מזרח-לענדער

די קריסטן פון עטהיאָפּיע היטן פון אַלטע צייטן אָן דעם טאָג שבת צוזאַמען מיטן זונטיק. ביים סוף פון זעכצנטן יאָרהונדערט, ווען די יעזואיטן זיינען אַהין געקומען, האָבן זיי זיך געמיט מבטל צו מאַכן די שבת־רו, און אויף זייער עצה, האָט דער קיניג סיגעד אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, צו אַקערן די ערד און טאָן אַלע אַרבעטן אין טאָג שבת. יענע וואָס פאָלגן ניט דעם קיניג־לעכן דעקרעט זיינען אויסגעזעצט צו האַרבער שטראָף. אָבער דאָס פאָלק האָט רעוואָלטירט אַנטקעגן דעם און נאָך אַ סך בלוטיקע מלחמות איז דער קיניג געווען געצוואונגען מבטל צו זיין די גזרה און צוריק איינצופירן פריי־הייט פון רעליגיע. זינט דעמאָלט היטן די עטהיאָפּישע קריסטן דעם טאָג שבת אומגעשטערט. אויך די „יאַקאָבינער" אין מזרח־טערקיי און די קריסטן, וואָס רופן זיך אויפן נאָמען פון טאָמאַס, וואָס וואוינען אין מאַלאַבאַר (אינדיע) האַלטן הייליק דעם טאָג שבת צוזאַמען מיטן זונטיק. אין די פריערדיקע יאָרהונדערטער האָבן אויך די סירישע מאַראָניטן אָפּגעהיט די דאָזיקע צוויי טעג צוזאַמען.

# אַ באַגריסונג

פון

# אידיש־נאַציאָנאַלן בוך־פאָנד

**(פאַרבאַנד ענדאומענט פאָנד)**

▼

**מיט** גרויס צופרידנהייט באַגריסן מיר דעם ביכער־פאַרלאַג פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין פאַרבינדונג מיט זיינע טעטיקייטן אַרויסצוגעבן וויכטיקע ווערק, וואָס האָבן אַ אַ גרויסע קולטור באַדייטונג.

דער פאַרבאַנד ענדאַומענט פאָנד העלפט דעם ביכער־פאַרלאַג אויף יעדן מעגלעכן אופן, אַרויסצוגעבן ווערק אין דער אידישער, העברעאישער און ענגלישער שפּראַך, וואָס זאָלן באַרייכערן און באַפעסטיקן אונזער נאַציאָנאַלע קולטור.

מיט באַזונדערער צופרידנהייט דריקן מיר אויס אונזער טיפע אָנערקענונג צו די חברים און פריינט וואָס האָבן געהאָלפן גרינדן דעם פאַרבאַנד ענדאומענט פאָנד, וועמעס קרן עס ווערט אָפּגעהיט הונדערט פראָצענט, און וועמעס פאַרדינסטן וועלן, לויט די כללים פון דעם פאָנד, פאַרווענדעט ווערן צו העלפן אַרויסגעבן וויכטיקע ווערק אין אידיש, העברעאיש און ענגליש.

▼

אונזער חבר׳שע אָנערקענונג גייט צו די פאָלגנדע מיטגלידער פון דעם פאַרבאַנד ענדאומענט פאָנד:

סאל לעווינסאָן — פילאַדעלפיע

י. ווינער — היוסטאן, טעקס.

ב. פרידמאַן — אסבורי פאַרק

יוסף שולמאַן ע״ה — ניו־יאָרק

משה שייוועך — דעטראָיט

ב. מילינסקי — דעטראָיט

מ. גארפינקעל — סאַן פראַנציסקאָ
ז. רעזניק — אסבורי פּאַרק
דזש. כראמאָוו — ניו־יאָרק
י. אייבראמס — ניו־יאָרק
יהואש בר. 150 — אסבורי פּאַרק
דוד גרינבערג — יוניאַן סיטי, נ. דזש
איליי שטראַוס — שיקאַגאָ
דזש. י. זעווין — סטארק, פלא.

ס. י. זעלדיס — ריטשמאָנד
י. נעד — היוסטאן, טעקס.
סאל מוראווין — אָלבאַני
מ. סאפראַן — אָלבאַני
פּ. אטענשטיין — העמטאן, ווא.
י. אטענשטיין — וואַשינגטאָן
א. ניכאמין — דעטראָיט
הערמאַן גודמאַן — אָלבאַני
ה. שומער — דעטראָיט

חבר און חברה דזש. פישמאַן — מיאַמי ביטש
י. קראוואיעף — דאָרטשעסטער
פּ. סיגאַל — סט. פּאָל, מינ.
י. שעכטער — ניו־יאָרק
ב. מ. לייקין — דעטראָיט
ב. צ. מילער — סיראַקיוז
משה איידמאַן — עקראָן
מ. ראגאווי — עקראָן

ה. ארקוש — יוניאַן סיטי, נ. דזש.
י. סינגער — קעמדען, נ. דזש.
מאַקס לעפקאָוויץ — ראַקסבורי
ס. בערק — וועסט ניו־יאָרק, נ. דזש.
מ. סילווער — ווילקעס באר, פּא.
י. גוטערמאַן — ניו־יאָרק
א. שוגערמאַן — טשאַטאנוגא
דזש. מ. מאלדאוו — אטלאַנטא
דזש. דאנסקי — נאָרפאָלק, ווא.

מאַקס יורעצקי — אַטלאַנטיק סיטי
מ. ל. גיל — טשאַטאַנוגאַ
נ. גוטערמאַן — נאָרפאָלק, ווא.
בען גאַראַב — אמאהא
עמאנועל קאַפּלאַנד — קענזעס סיטי

ס. פאַלאַרד — טשאַטאַנוגאַ
נ. איזראַעלאָף — ניו־יאָרק
א. קאַפּלאַן — ברוקלין
מאַקס מענסאַן — טאָראָנטאָ
מ. אַדעסקי — נאָרפאָלק

דזש. ל. העכט — נאָרפאָלק
ה. אַטלאַס — פילאַדעלפיע
מ. לערמאַן — ניו־יאָרק
מ. לאַנגער — קליוולאַנד
ראובן לעווין — לאָס אַנדזשעלעס

▼

פון דערפאַרונג ביז איצט, זעען מיר אַז דער ענדאַומענט פאָנד וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ פינאַנציעלן זיכערן פונדאַמענט, וועט מיט דער צייט זיך אַנטוויקלען אַלס איינע פון די וויכטיקסטע קולטור אינסטיטוציעס וואָס דער פאַרבאַנד האָט געשאַפן, און וועט העלפן אַנטוויקלען אַ פאַרצווייגטע קולטור־אַקטיוויטעט אויפן וועג פון אַרויסגעבן וויכטיקע ווערק, און העלפן אָפּהיטן אונזערע אידישע קולטור אוצרות פון אַלע צייטן.

**פאַרבאַנד ענדאַומענט פאָנד**

דוד פינסקי, פרעזידענט

לואיס סיגאל, סעקרעטאַר

ניו־יאָרק, יולי, 1947.